שנה ד׳
נומער 166
**פרשת ויק״פ**
תשפ״ג

# קרית ברסלב בלעטל

**מענער ארטיקל:**
ווער האט גע׳גנב׳עט די וועלן?

**פרויען ארטיקל:**
דעם רבינ׳ס מעדעצין [חלק ב׳]

**בילדער אפטיילונג:**
פורים תשפ״ג
אין אלע בתי מדרשים
היכל הקודש

# חזק חזק ונתחזק






**פורים תשע״ג**
**ביים ראש ישיבה שליט״א**

# קרית ברסלב בלעטל


בריוו פון ליינער
הערה איפן ארטיקל "די זיידענע בעקיטשע"
3



משה ארי' שניטצלער
ווער האט גע'גנב'עט די וואן ?
5



היכל הקודש נייעס
יום טוב פורים ביים ראש ישיבה שליט"א
9



מיט א טיפערן בליק
דער רויטער קנעפל
14



סעודת מיט'ן ר"י
פרשת תרומה תשפ"ג
18



חכמת נשים
דעם רבינ'ס מעדעצין
חלק ב'
25





רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty

ויקהל פקודי כ"ה אדר תשפ"ג

הדלקת הנרות.........06:49
מוצאי שבת............08:20

מנחה מעריב ויקרו ... 08:05

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צום שידוך שליסן פון זייער זון דוד נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה רפאל פורסט הי"ו**
**וזוגתו מרים תחי'**

**צו זיין נייע מיידל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 17 | 46°/37° | PM Showers | |
| Sat 18 | 41°/21° | AM Light Rain | |
| Sun 19 | 32°/20° | Partly Cloudy | |
| Mon 20 | 37°/21° | Partly Cloudy | |
| Tue 21 | 41°/24° | Partly Cloudy | |
| Wed 22 | 45°/30° | Snow to Rain | |
| Thu 23 | 45°/32° | Snow to Rain | |
| Fri 24 | 44°/30° | Rain/Snow | |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א



## בריוו צו די
# רעדאקציע

**הערה אויפן ארטיקל "די זיידענע בעקיטשע"**

ליינענדיג די ארטיקל פון ר' ישראל דוד העסקעל נרו יאיר איבער די מעשה פון דעם איד וואס האט זיך געקויפט אן אנצוג און דער שניידער האט עס צוגעשניטן אז עס זאל פאסן פארן עושר ווען ער איז הינקעדיג און פארקריפלט; איז מיר גראד איינגעפאלן די פאלגענדע נמשל.

ברוך השם עס זענען דא הערליכע שניידערס וואס טוען צופאסן הערליכע קליידער פאר אידישע קינדער, ערליכע ישיבות, מגידי שיעור, ראשי ישיבות רבנים און רביים, וואס טוען אן די תלמידים מיט תורה, תפילה און אמונה, זיי נעמען דעם שטיקל סחורה און טוען עס אן, עס פאסט אזוי שיין אויף דעם בחור אויף דעם יונגערמאן, ווייל דער ערליכער משפיע און צדיק זוכט נישט צו פארקויפן די סחורה דווקא וואס ער האט אויפגענייט.

ליידער זענען אבער דא נישט ערליכע אידן, וואס צומאל פאררופן זיי זיך מיטן נאמען 'טערעפיסט' אדער מיט א אנדערע סארט נאמען וואס איז דומה צו דעם, צו א ישיבה וואס אלע מוזן זיך פירן און טראכטן אויף א געוויסע וועג. און זיי ארבעטן מיט א סיסטעם, זיי האבן ביי זיך אויפגענייטע אנצוגן, יעצט ווען דער בחור דער יונגערמאן קומט אריין און ער בעט אן אנצוג, אנשטאט צו צופאסן, און אים געבן אזא תורה אזא סחורה וואס איז פאסיג פאר דעם איד לויט זיין תכונת הנפש, ווייסט דער שניידער פון איין זאך "די אנצוג האב איך, און דו מוזט אריינפאסן דערין". און אויב דו פאסט נישט אריין דערין וועסטו מוזן ווערן א קריפל, א הינקעדיגער.

ליידער זעט מען בחורים, יונגעלייט, און ביי פרויען די זעלבע זאך, ווייבלעך און מיידלעך וואס פאלן אוועק פון די תורה וועג, קרום און הינקעדיג, דאס איז נישט צוליב דעם וואס זיי זענען שלעכט, עס איז פשוט ווייל די אנצוג וואס מען האט זיי אנגעטון פאסט זיי נאר אויב זיי ווערן אינגאנצן פארקריפלט.

מען דארף אסאך דן זיין לכף זכות אידישע קינדער, ווען מען קוקט און מען זעט אז א איד הונקעט אונטער ליידער אין אידישקייט, איז דאס געווענטליך ווייל דער שניידער האט אים אריינגעשטעלט אין א פארקריפלט שטיקל סחורה.

דער הייליגער רבי' האט א וועג וואס פון איין זייט איז דאס א וועג וואס זעט אויס גלייך פאר אלעמען, ווי למשל די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אויבן אויף זעט דאס אויס ווי אן אנצוג וואס יעדער דארף זיך אין דעם אריינפאסן, אבער אז מען קוקט גוט איז דאס נישט אזוי, יעדער דארף טאקע רעדן צום אייבערשטן, אבער יעדער רעדט צום אייבערשטן די זאכן וואס באדערן אים אין זיין לעבן. אזוי ווייטער און ווייטער, אלע עצות וואס דער רבי' לערנט אונז, תן לחכם ויחכם עוד.

א שטענדיגע ליינער





# הא לחמא עניא

ווי עס איז אייך שוין זיכער באקאנט, טוט די הנהלת בית התבשיל שע"י קהילתנו היכל הקודש פארטיילן שווערע טויזענטער דאלער פאר אומצאליגע נויטבאדערפטיגע משפחות בקרב קהלתינו הק', כדי אז זיי זאלן קענען מאכן יום טוב אין שטוב מיט א רואיגקייט און ישוב הדעת.

עס איז איבעריג ארויסצוברענגן וויפיל עס קאסט אפ א יום טוב אין א אידישע שטוב ווי מען איז מדקדק בקלה כבחמורה, ווען יעדע ריר שלעפט אריין אין אומגעהויערע הוצאות.ליידער אין פילע אידישע שטיבער קען מען נישט נהנה זיין פון דעם עונג יו"ט און פילן דעם זמן חירותנו צוליב דעם שרעקליכן עול הכספי וואס דרוקט אויף די פלייצעס פון דעם ראש המשפחה.

היי יאר איז ליידער אונזער ליסטע געשטיגן מיט גרויסע ציפערן, און מיר מוזן שאפן צענדליגע טויזענטער דאלער מער ווי די פארגאנגענע יארן, סיי צוליב די צוגעקומענע נויטבאדערפטיגע און סיי צוליב וואס מיר זענען געצווינגען צו העכערן די נתינות, כדי צו פארזיכערן אז די נצרכים קענען זיך ערלויבן אויך צו האבן א כשר'ן פרייליכן יו"ט.

דאס אלעס קען נאר אנגיין דורכדעם וואס מיר וועלן אויפטרייבן גרעסערע סכומים פון אלע נדיבי לב, וואס מיט זייער ברייטהארציגקייט און ווארימע געפיל וועלן זיי מקיים זיין דעם כל דכפין ייתי ויכול, און קויפן זכותים צו העלפן אונזערע אייגענע ברודער, שכנים, קרובים, וידידים אריינברענגען דעם פסח, און דערמיט פארזיכערן אן עונג יו"ט פאר אומצאליגע פאמיליעס.

מער ווי אלע יארן ביז יעצט, איז היי יאר קריטיש וויכטיג די נדבות, ווייל אפילו מיטל-קלאס פארדינער קענען אויך נישט דעקן דעם יו"ט, צוליב די שארפע אינפלאציע וועלכע בוזשעווען. מיר אלע זעען עס טאג טעגליך, און ספעציעל אין די וועכענטליכע גראסערי ארדערס, וויפיל די פרייזן זענען געשטיגן, און צו קענען איינרישען א יו"ט מיט אזעלכע פרייזן אן די הילף און תמוכה פונעם בית התבשיל איז כמעט אוממעגליך. דערפאר קומען זיי זיך ווענדן צו אונז נאך בעפאר זיי ווענדן זיך צו ידידים אדער משפחה, וויסנדיג אז ביי אונז וועלן זיי באקומען בדרך כבוד.

**$1,800**
א משפחה אויף גאנץ יו"ט

**$360**
ליל הסדר פאר א משפחה

**$180**
סעודת יו"ט פאר א משפחה

## מיר מוזן היי יאר שאפן לכל הפחות

# $ 75,000

## צו קענען דערלייכטן יעדע שטוב מיט אלע הצטרכות לכבוד פסח הבעל"ט

מיר ווענדן זיך צום ברייטן ציבור אנ"ש: העלפט אונז ארויס אין די הייליגע קריטישע ארבעט! און בשכר זה זאל אייך דער רבוש"ע אייך באשערן מיט עושר ואושר, אך טוב וחסד כל ימי חייכם, איר זאלט זיך שטענדיג געפינען אויפן צד הנותן און קיינמאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם. מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אינאיינעם, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים הבנויה. **השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל**

קמחא דפסחא
75
טויזענט



# ווער האט גע'גנב'עט די וואן?

משה ארי' שניצלער

די זיסע זכרונות פון זומער תשס"ט איז זייער רייך און זייער אסאך.

כ'האב געלעבט אין די ברסלב'ע קאנטרי אזוי ווי אין א מוזיאום, א מוזיאום פון אמונה, א מוזיאום פון "די אייבערשטער איז דא".

ביז יענעם זומער האב איך נישט געהאט אזא זאך פון זיין מיט ברסלב'ע חברים פון פרייטאג ביז זונטאג, צען וויקענדס אין א צי! ס'איז געווען אין כדוגמתו, די באטע'ס פרייטאג צו נאכטס איז געווען דעמאלטס א שפאגל נייע זאך, די זינגען אידישע ניגונים פון אמונה, האט יעדן געמאכט תשובה טון, "הייליגער באשעפער, עכט וויל איך זיין גוט, איך גיי נאכאמאל פרובירן".

מוצאי שבת קודש איז געווען די מלוה מלכה'ס עפעס אזוינס און אזעלעכס, מ'האט געטאנצן אזוי מ'ין לעבעדיג אז מ'האט פארגעסן בשעת מעשה אז ס'קען זיין עפעס נישט גוט אויף די וועלט.

איך האב געהאט דעמאלטס יענע זומער א גרויסע נס מיט די ראש ישיבה.

אין פרייטאג צו נאכטס, נאכן באטע, ברענג איך פון מיין באנגעלוי א טור אורח חיים חלק א' מיט נאך א צוויי דריי ספרים, איך קום אריין אין לאנטש רום, וואו מ'האט פריער געענדיגט די באטע, א שטיקל עולם פארברענגט נאך צוזאמען, און איך גיי מיך זעצן לערנען, איך זעץ מיך אנידער און איך מיש אויף די טור.

דער ראש ישיבה קומט צו מיט א פריינטליכן שמייכל און פרעגט מיך "משה ארי', האסט שוין געזאגט ח"י פרקים היינט?" זאג איך, ניין, און דער ראש ישיבה געט א זאג "נו" מיט אזא נוסח, ווי איינער זאגט, וואס איז דיין פלאן? דורכלאזן איין טאג אן זאגן משניות?!

די קורצע עפיזאד באגלייט מיך פון דעמאלטס! די איין "נו" וואס דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט האט מיר געמאכט געדענקען פאר יארן לאנג וואס איז עיקר און וואס איז טפל. טאוסט מיט טיי קען יעדער עסן, סיי א געזונטער סיי א קראנקער, סיי א אלטער סיי א יונגער. זאגן משניות קען יעדער, א אלטער, א יונגער, א צדיק, א דורכגעפאלענער, א רואיגער, א נערוון קראנקער, א ריינע מח, א שמוציגע מח, ס'איז א זיכערע וועג.

אויב דו וועסט לערנען תורה נאר ווען מ'קען לערנען און פארשטיין טור, און אן פארשטיין גייסטו נישט לערנען, גייסטו אויף א וועג וואס דו גייסט אפשר נישט לערנען יעדן טאג פון לעבן, אויב דו וועסט אנהייבן זאגן משניות וועסטו קענען זיך פארסמאקעווען מיט די הייליגע ווערטער פון תורה "יעדן טאג"!

פאר ווער ס'געדענקט איז געווען דארט אין קאנטרי א שווארצע פיפטין פעסענדזשער ווען.

צומאל איז עס געווארן באנוצט צו פייפן צופרי' ווען ס'איז געווען די צייט פאר די בחורים אויפצושטיין.

דער איינער שווארצער ווען האט באזיצט אסאך מעלות, ס'האט אויך דעליווערט אייסקרים פאר אונזער טייערע חבר'ס אייסקרים ביזנעס, ס'האט אויפגעוועקט די בחורים צופרי', ס'האט געטראגן די בחורים צו די מקוה אין סוואן לעיק, ס'האט צוגעשטעלט א מעכטיגע סאונד סיסטעם צו הערן איציק אשל אויפ'ן וועג צו די מקוה.

ס'איז געווען עטליכע בחורים וואס



מ׳האט זיי גע׳פסקנ׳ט אין די ניין טעג אז אויב זיי האבן א שטארקע ריח פון זיעה, פון אסאך שוויצן און זיך נישט וואשן, האט עס א דין פון זוהמה, און מ׳מוז זיך אפוואשן ס׳זאל נישט זיין א ריח זוהמה, נו, פרעגט נישט, ס׳האט זיך געטון אויף טישן און אויף בענק, ס׳איז געווען פיינע פרישע מחאות, מ׳האט געזען באשיינפערלעך ווי דער אייבערשטער האט זיינע מענטשן וואס זארגן פאר די וועלט.

(מסתמא האבן די מענטשן נישט געטראכט אז די בחורים האבן נישט קיין אנדערע פלאץ וואו זיך אפציוואשן)

פון וואו איז אפירגעקומען די שווארצע וועון?

ביז פאר זעקס יאר צוריק פלעג איך נישט האבן קיין געליעסטע קאר, נאר יוזד קארס, יעדע דריי פיר יאר נאך א קאר, געווענליך האב איך געקויפט פאר גאר גאר ביליג, איינמאל ווען מיין קאר איז געגאנגען שלאפן האב איך געטראכט וואס טוט מען ווייטער ווען א קאר פאר ביליג? איך רייס אריין צום אוקשן אויף קענט עווניו און מ׳גייט איינהאנדלען א וועגעלע צו קענען פירן דאס געזונדעלע.

גראדע די ערשטע מאל נאך מיין חתונה וואס איך האב געהאט א קאר איז עס געווען טאקע א קאר וואס איך האב געקויפט ביים אוקשן אויף קענט עווניו, ס׳איז געווען א שעווי לומינע, פאר דריי הונדערט דאלער! מיט נאך זעכציג דאלער צו פיקסן א קליינע פראבלעם ביי ״אייזיק״ אויף בראדוועי...... במילא וועלן מיר יעצט נאכאמאל פרובירן ביים אוקשן.

איך קוק מיך ארום, מ׳הייבט אן פארקויפן איינס נאכ׳ן צווייטן, און גארנישט ליגט ביי מיר, פלוצלונג קומט מען אן צו דעם וועון, ס׳הייבט זיך אן די בידס און סאמהאו איז עס ביי מיר.........

איך געב מיך א קוק אן, וואס האב איך געמיינט? איך דארף דאך א מיניוועון פאר א משפחה מיט עטליכע קינדער?! פארוואס האב איך געביד׳ט אויף א ריזיגע וועון?! פארוואס דארף איך מיטשלעפן א טרעקטער טריילער איבעראל וואו איך פאר?! איך האב אנגעהויבן צו פילן זייער סטופיד, און איך זע ניטאמאל עפעס אן עצה, א ריזיגע וועון איז דאך נישט קיין ליידיגע סאדע קען וואס מ׳לאזט אראפ אין גאס אינמיטן וואקן, וואו טראג איך דעם ווארצל?!

הייליגער באשעפער, פארוואס האב איך געקויפט א וועון וואס האט נישט קיין נוצן פאר מיר, הייליגער באשעפער, געב מיר אן עצה וואס טו איך דא?

מילא אז איך וועל נישט האבן קיין קאר, דאס איז נישט געפערליך, מילא די ניין מאות וואס איך האב געצאלט, אויך נישט געפערליך, אבער וואו שפיי איך אויס די הייסע פאטעיטא וואס ברענט מיר אין מויל?! וואו איז דא א לאך וואו איך קען אריינווארפן א גרויסע שווארצע וועון?!

איך האב זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, די נעקסטע טאג בין איך געווען ביי מיין חבר מענדל אינדערהיים אין בעדפארד גארדענס אויפן זעקסטן שטאק (די מעשה איז געווען אין קאנטרי צייט, מ׳האט פיין געטשילט מיט מענדל און מיט אנדערע חברים) מיין קאפ פיבערט מיט מיין העליקאפטער הגדול הנקרא ״פיפטין פעסענדזשער וועון״. אוי, אנה יכנסו כל הפשתן הזה? וואו לייג איך דאס?

אינמיטן איז מענדל ארויס פון דיינונג רום צו די קאך, די דיינונג רום איז ליידיג, איך הייב אן וויינען צום אייבערשטן, הייליגער באשעפער, געב מיר שכל, זאג מיר וואס צו טון.

יעצט, באלד צוואנציג יאר שפעטער זעט עס אויס ווי א געלעכטער, אבער דעמאלטס האב איך זיך גוט געקראצט, וואו לייגט מען א אלטע ריזיגע וועון פון די אוקשן?.....

ביזדערוויל, ווילאנג איך האב נישט קיין וועג וואס צו טון גייט מען עס פארקן לעבן ויואל משה, דארט איז דא די פיצקעלע טרייענגל לעבן די רעסטאראנט, צווישן די טרייענגל און די רעסטאראנט, דארט גייט זיין א מקום מנוחה נכונה פאר מיין העליקאפטער מיט פיר רעדער. אזוי וועל איך קענען מסיח דעת זיין פון מיין נייע פארמעגן און אנגיין מיט ביזנעס עז יוזשועל.

געמיינט האב איך אז איך בין דער קלוגסטער מענטש און ברוקלין, כ׳האב אויסגעשפילט די סיסטעם, אבער די פאליס דעפארטמענט איז געקומען אויף די שפורן פון דעם שפאגעל נייעם פארברעכער אין ניו יארק סיטי׳.....

געס וואט! די פאליס ווייסט אז די פלאץ ציט מענטשן מיט איבעריגע העליקאפטערס.... עס גייט אדורך א וואך צוויי דריי און איך קום אפשטאטן א באזוך און זען וואס טוט זיך מיט מיין שטיק אייזן מיט פיר רעדער, און פלוצלונג זע איך א אויפשטאנד! א אינוואזיע! פיינטליכע כוחות האבן אינוואדירט מיין גרויסע וועון! נישט נאר אינוואדירט! נאר אינגאנצן ליקווידירט! נישטא קיין זכר פון די גאנצע ריזיגע עירפארט וואס איך האב



אריינגעשמוגעלט דא!

מיט איין אימפעט רוף איך 911! א גניבה! שוין ארעסטירן די העסליכע גנבים!

איך שטיי און ווארט די פאליציי זאל קומען און קייטלען די וואס פארגינען מיר נישט ארומצופארן מיט מיין מעכטיגע וועגן.

נאך א שעה צוויי קומען זיי אן און איך זאג זיי מען האט גע'גנב'עט א וויהיקל, זיי דרייען אהער און אהין, זיי קעקעצן און מעקעצן, כ'האב אנגעהויבן טראכטן אז אפשר טאקע בין איך נישט דער ערשטער וואס פארקט דא און זיי ווילן דאס פארמיידן, זיי ווילן נישט אז קארס זאלן דא ליגן חדשים לאנג, למעשה האב איך געפארטיגט מיט זיי און געטראכט אזוי: לעטס פעיס איט, קיינער האט נישט געג'נב'ט די מעכטיגע וועגן...... לאמיר גיין די אנדערע וועג, לאמיר טראכטן אז זיי ווילן פשוט נישט מ'זאל אביוזן די פלאץ, איך הייב אן טראכטן און זוכן, איך בעט דעם אייבערשטן, באשעפער פליז זאג מיר וואס האנדלט זיך דא, איך שפאציר אזוי אראפ צו די וועג פון די היטש פלאץ ביי קענט עוועניו, אבער גלייך פאר ווייט עוועניו האב איך שוין געזען פונקטליך די גאנצע מעשה, די גרויסע וועגן ליגט דא ווי א וואוילע אינגעלע....... איך האב שוין געוואוסט אז נאמאר גיי איך דא לייגן מיין מאשינדעלע, ווייל די פאליציי וועט עס פשוט אוועקרוקן פון דא......

זאגט נישט אויס פאר קיינעם אז מחמת נישט האבן קיין אנדערע ברירה האב איך נאכאמאל אהינגעלייגט די וועגן........

די חברה האבן אנגעהויבן לייגן טיקעטס מיט וואס נישט, כ'האב נישט געהאט קיין פרוטה דעמאלטס פאר א וועגן וואס איך קען נישט נוצן. די טיקעטס זענען געוואקסן, ס'האט זיך געטון מיט אינשורענס ועוד ועוד, כ'האב פשוט געזוכט ווער קען דאס אראפנעמען פון מיין קאפ, כ'האב גערעדט צו מיין טייערע חבר ר' אהרן, מיין שפעטערדיגער מחותן, למעשה איז עס אנגעקומען צו אים. יעצט ווען די ישיבה איז געגאנגען די ערשטע מאל אין קאנטרי האט די ישיבה געקענט נוצן א וועגן, סיי פאר די בחורים צו גיין אין מקוה, סיי פאר נאך זאכן, האט מען געמאכט עפעס א דיעל מיט די באנגעלוי פון ר' אהרן, און די פריערדיגע קלאץ-העליקאפטער איז געווארן א נארמאלע וועגן וואס וועט באדינען די ברסלב'ע בחורים.

איך דערמאן זיך עטליכע בחורים וואס זענען מקורב געווארן יענע זומער, אברהם הערש וועבערמאן איז געקומען סתם פאר א שבת צו זיין ברודער, און האט אפגעמאכט פה אשב כי אויתיה.

מיין ברודער שלום האט דעמאלטס געלערנט אין א מצוינים'דיגע ישיבה אין מאנסי, איין שיינעם טאג האט ער אהער דעליווערט זיין זעקל ביינער, זיין גאנצע האב און גוטס איז געבליבן ביי די מצוינים. מען האט ארלעדיגט א משלחת זאל ארויס דערזען שלום'ס וועש פון די מצוינים. שלום האט זיך דא אויסגעלערנט די שיינע וועג ווי אזוי מ'בעט שיין פון עלטערן אז מ'וויל לערנען אין א ישיבה וואס וועט מיך מאכן מער לערנען, די תורה'דיגע וועג ווי אזוי מ'איז אויף'ן טעלעפאון מיט דרך ארץ ווען ס'גייט נישט אלעס ווי איך וויל.

מארגן צופרי, נאככדעם וואס שלום איז געשלאפן די ערשטע נאכט אין ברסלב, ווען דער ראש ישיבה איז ארומגעגאנגען וועקן די בחורים, איז שלום אויפגעשטאנען צו א נייע וועלט! ער זאגט אז ער וועט דאס קיינמאל נישט פארגעסן......

ברוך השם אז זיי האבן זוכה געווען צו העלפן בויען אונזער שטעטעלע וואס מאכט קינד און קייט רעדן צום אויבערשטן אזוי ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד. סיי אברהם הערש און סיי שלום טוען גאר וויכטיגע ארבעט למען הצלחת ה'שטעטל.

ס'פלעגן פון צייט צו צייט קומען דארט בחורים פון אנדערע ישיבות הערן דרשות פון דער ראש ישיבה, ס'איז געווען עפעס א צייכענער / נאכלויפער פון עפעס א גרויסע ישיבה וואס פלעגט אלץ קומען קוקן אויב די בחורים וואס ער דארף צייכענען זענען דא, איינמאל ווען ער איז דורכגעפארן אזוי שטייטעלעך זוכענדיג אויב זיינע בחורים זענען דא, האט איינער פון אונזערע בחורים זיך אנגעכאפט אין זיין מיניוועו, אזוי מיט די פיס אויפן באמפער, מיט די הענט אויבן ערגעץ אויפן דאך, דער האט זיך גענומען רייסן מיט אזא רציחה אז ס'איז א נס אז דער בחור איז נישט געווארן גע'הרג'עט אויפן פלאץ השם ישמרינו.

אבער זייט נישט באזארגט איך לערן טור, ברוך השם, אויך מרדכי, רא"ש, לבוש, סדר היום, תורת הבית, און נאך אסאך אסאך לימודים וואס דער גרויסער צדיק און איש חכם ונבון מוהרא"ש האט מיר מזכה געווען. איך בין שוין ברוך השם דורך איבער צוויי הונדערט סימנים טור!!

ווייל אז מ'זאגט משניות קומט מען אן צו אלע חלקי התורה.

# שטעטל נייעס

## השבת אבידה שטיבל געעפענט אין שטעטל




א צייט צוריק ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין ירושלים עיר הקודש, האט ער גערעדט מוצאי שבת ביי מלוה מלכה פון די שעדליכקייט פון לעבן מיט חובות, ווי ווייט מען דארף זיך היטן דערפון. דער ראש ישיבה האט דארט פארציילט אז א אינגערמאן פון ארץ ישראל האט אים געזאגט אז ער נעמט אהיים די איבערגעבליבענע חלה פון שלש סעודות, וואס בלייבט איבער אין בית המדרש, ווייל ער וויל נישט בארגן קיין געלט, וואס דאס איז זייער א שטארקע זאך. אויך האט א אינגערמאן געזאגט אז ער נעמט אהיים די וועש וואס עס בלייבט איבער אין בית המדרש, ער וואשט דאס אויס, און דאס ניצט ער אנצוטון, אלעס כדי נישט אריינצופאלן אין קיין חובות.

האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז אהיימנעמען די וועש פון בית המדרש קוקט ער שוין אן גאנץ אינטערעסאנט. שפעטער האבן אפאר אינגעלייט געזאגט פאר דער ראש ישיבה, אז אין ארץ ישראל איז דאס גארנישט אזוי מאדנע, עס איז דא מער ווי איינער וואס טוט דאס.

זייט דעמאלט האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן טראכטן פון דעם געדאנק אז אפשר זאל מען דאס אויך נאכטון אין שטעטל, ווייל די אלע וועש און חפצים וואס בלייבט איבער אין בית המדרש קומט אן אין מיסט, איז דאך ממש א שאד אז אזאנע גוטע חפצים זאל גיין אין מיסט, בשעת משפחות קענען זיך מיט דעם מחי' זיין.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער זוכט איין משפחה זאל זיין גרייט זיך אפצוגעבן מיט די מצוה, איינמאל האט עס משפחת שטראססער געטון, זיי האבן אהיימגענומען די וועש, עס שיין אויסגעוואשן, און דערנאך עס צוטיילט פאר ווער עס האט געדארפט.

שפעטער איז משפחת טייטלבוים געקומען זאגן פארן ראש ישיבה אז זיי זענען גרייט דאס אנצונעמען, אלע חפצים מיט א נאמען וועט מען געבן פארן בעל הבית, און די איבעריגע וועט מען שיין אויסוואשן און עס ארייננשטעלן אינעם השבת אבידה שטיבל, און יעדע שטיק צייט וועט מען קענען קויפן פון דארט שיינע גוטע חפצים.

יעצט ביים שרייבן די שורות איז שוין די השבת אבידה שטיבל אפען, אלע פארלוירענע חפצים וועט אנקומען אהין, אזוי אויך אויב טרעפט איר א חפץ קענט איר אלעמאל עס ברענגען צום השבת אבידה שטיבל, און מיט דעם מקיים זיין א מצוות עשה מן התורה פון השבת אבידה

פאר סיי וועלכע שאלה איבער דעם השבת אבידה שטיבל קען מען אלעמאל רופן 845-243-0604

די אדרעס איבערצולאזן חפצים איז:

121 Twin Bridge Liberty NY 12754



# היכל הקודש נייעס

**וויליאמסבורג**

## פרייליכע יום טוב פורים ביים ראש ישיבה שליט"א



גאר א געשמאקע יום טוב פורים איז אדורך אויף גאנץ כלל ישראל, אויף אלע אנשי שלומינו בכל קצוי תבל, אזוי אויך ביים ראש ישיבה שליט"א אין ישיבה, פילע אנשי שלומינו זענען אריינגעקומען קיין וויליאמסבורג מיטצוהאלטן קריאת המגילה, און די סעודת פורים ושושן פורים.

תענית אסתר נאכמיטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעקומען צו מנחה אום 6:00, און דערנאך האט מען געגעבן מחצית השקל כנהוג, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א הערליך פארגעליינט די מגילה אום 7:00 צו וואס דער גאנצער ציבור האט אויסגעהערט געשמאק, ווי דער ראש ישיבה לערנט אויס אז אויסהערן מגילה איז אזוי שיין, מ'הערט א שיינע מעשה, ווי פון אינדרויסן זעט עס אויס ווי עס איז טבע מקרה מזל, אבער אלעס פירט דער אייבערשטער, וואס גרייט אן די רפואה פאר די מכה.

אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית אום 9:00, אנשי שלומינו און דער ראש ישיבה שליט"א זענען שוין אנגעקומען אסאך פריער אין בית המדרש כדי צו לערנען די שיעורים כסדרן, אזוי אז עס זאל נישט דורכגיין דער טאג חלילה אן קיין לימוד התורה.

פורים האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגענומען ביי זיך אינדערהיים, אנשי שלומינו זענען אריבער געקומען ארויסווייזן הכרת הטוב און געבן משלוח מנות און זיך אנווינטשן.

אום 7:00 איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען אין בית המדרש ווי מען האט געטאנצט און זיך משמח געווען ביז אין די שפעטע נאכט שעות. ביים טאנצן האט דער ראש ישיבה כסדר געמוטיגט דעם עולם נישט צו זיצן אין די צייט נאר מען זאל גיין טאנצן.

אינמיטן האט דער ראש ישיבה צוגערופן דעם מלמד מומחה מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו און געזאגט: "ברענג אהער דעם בריוו וואס איך האב דיר געשריבן אינדערפרי", דער ראש ישיבה האט עס פארגעליינט הויך "מיין טייערער יוסף... היינט פורים קען מען זיין מער אפן פון א גאנץ יאר, היינט וועל איך דיר אויסזאגן דעם סוד וואס איך וויל פונעם שטעטל, איך וויל נישט מער נאר די איין זאך, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן געזונט בנפש מיט א שטארקע אמונה, מיט א געפיל און א ליבשאפט צו אידישקייט, אויב קען מען דאס האבן האט זיך אלעס געלוינט, און אז נישט דארף מען אנהייבן פון פריש"! דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "נישט אז 'אז נישט איז נישט...', דער ראש ישיבה האט ווייטער געליינט: "פולעווע אין די קינדער אמונה, ליבער ברודער היינט איז זייער א גרויסע א טאג, מ'קען פועל'ן זוכה צו זיין, צו קומען אויף אזא הויכע מדרגה, ליב צו האבן די תורה, ליב האבן די וועג פון די תורה, זיך צו פאר'מיאוס'ן און פארעקלען פון עבירות". דארט איז געשטאנען א קינד, דער ראש ישיבה פרעגט אים: "דו האסט ליב די פיאות? דו האסט ליב א בארד? מ'דארף זיך פארעקלען פון א המן!" ס'איז אזוי שיין איידעלקייט! ס'איז דאך אזוי שיין ערליכקייט! נשמת ישראל זענען נעבעך אזוי אויסגעמישט, אז מ'ווייסט שוין נישט וואס שיין איז!

שושן פורים נאכמיטאג פאר די סעודת שושן פורים האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א בלאט ירושלמי, און דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודה, דער ראש ישיבה האט געגעבן א שיינע שיעור, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה אסאך גערעדט איבער חינוך, און נאך שיינע נושאים, מ'קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ ביז אין די שפעטע שעות, מען האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים.

**והימים האלו נזכרים ונעשים בכל דור ודור**



# "מעשיות פון תפילה"

## שמעון קרדוזו - קרית ברסלב:

די פארגאנגענע וואך איז געפאלן א פעסטע שניי אין שטעטל, אקעגן אלע פריערדיגע יארן אין שטעטל האט דאס יאר ממש גארנישט געשנייט, אבער גענוג צו גליטשן אויף די שניי... איך בין געפארן אויף די דענמאן גאס אין שטעטל און איך האב מיך געוואלט איינדרייען אויף קראס פארם, איך האב אבער נישט באמערקט אז די שניי אויף די ראוד האלט זיך אין איין פארמערן, איך בין געקומען צו פארן גאנץ שנעל, פלוצלינג פיל איך ווי די גאנצע קאר הייבט אן גליטשן, איך האב עס פרובירט צו אפשטעלן אבער איך זעה ווי אין די נעקסטע סעקונדע גיי איך אריינשמעטערן אין א בוים, איך האב געגעבן א שריי ארויס: "באשעפער ראטעווע מיך!"

דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן אז גלייך פאר די בוים איז געווען א גרויסע בארג שניי און דאס האט אפגעשטעלט מיין קאר פון אריינפארן אין די בוים. דער אייבערשטער האט שוין אנגעגרייט די רפואה פאר די מכה.

נאך איך בין געקומען צו זיך און געכאפט וואס פונקטליך איז פארגעקומען האב איך געוואלט ארויספארן פון דארט אבער איך בין געווען צו טיף אין די בארג שניי, איך האב זיך נישט געקענט ארויסציען פון דארט, האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל אויף עפעס א וועג קענען ארויספארן פון דארט, אויפן מינוט איז אדורך געפארן א גרויסע פיק-אפ-טראק, ווען זיי האבן מיך דערזעהן אין די זייט זענען זיי ארויסגעקומען - צוויי זעקס פיסיגע גוים - און זיי פרעגן מיר צו איך דארף הילף, איך האב זיי געוויזן וואס דא טוט זיך און זיי ביידע האבן אנגעהויבן שטופן מיין קאר ביז איך האב געקענט ארויספארן פון דארט.

שכח אייבערשטער.

## זלמן וויזל - ארץ ישראל:

א) איך האב געדארפט צאלן רענט פאר מיין דירה אבער איך האב נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן, איך האב עס געהאלטן אין איין אפשטופן ביז ס'איז שוין געווען די לעצטע טאג וואס מ'קען נאך באצאלן רענט, און איך האב נישט געוואוסט מאין יבוא עזרי, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן דאס געלט צו באצאלן, אויך האב איך צוגעזאגט אז איך גיי געבן צדקה פאר די מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז אפאר שעה שפעטער רופט מיך מיין שווער אז ער וויל מיר געבן געלט, און איך האב באקומען די זעלבע סכום וואס איך האב געדארפט.

ב) איך האב געוואלט מאכן א שיינע משלוח מנות פאר מיינע עלטערן, און די זאך וואס איך האב געוואלט שיקן פאר משלוח מנות האט געדארפט פערטיג ווערן א וואך פאר פורים, למעשה האט זיך עס מער און מער פארשלעפט ביז ס'האט שוין נישט אויסגעקוקט ווי ס'גייט נאך זיין גרייט פאר פורים, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל יא ווערן גרייט פאר פורים, און שכח אייבערשטער א טאג פאר פורים האב איך עס באקומען.

## בנציון יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

א) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א דירה אין וויליאמסבורג פאר יום טוב פורים, איך האב גערופן אסאך מענטשן אבער אן ערפאלג, ביז שכח אייבערשטער נאכן רופן א ליסטע פון מענטשן, האט איינער געזאגט אז ער האט א דירה פאר מיר בחנם.

ב) מיין ווייב'ס טעלעפאן האט אויפגעהערט ארבעטן, איך האב אלעס פרובירט אבער גארנישט האט זיך נישט גערירט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אנהייבן צוריק ארבעטן, שכח אייבערשטער עס האט אנגעהויבן פלוצלינג ארבעטן אן גארנישט טון עפעס ספעציעל.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ מְצַעֵר זַיין דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָואס דַארְפְן זֵיי וִויסְן בִּכְלַל אַז דוּ שֶׁעפְּסְט חַיּוּת פוּן רֶבִּי׳ן? לְדַעְתִּי קֶענְסְטוּ דָאס בַּאהַאלְטְן פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען זֵיי זָאגְן קְלָאר עֶס שְׁטֶערְט זֵיי נִישְׁט אַז דוּ הֶערְסְט שִׁיעוּרִים אוּן אַז דוּ הָאסְט חַיּוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; זֵיי בֶּעטְן דִיר נָאר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל, קֶענְסְטוּ דָאס בַּאהַאלְטְן פוּן זֵיי.

**נֶעם דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר דִיר**, מַאךְ נִישְׁט קַיין רַעַשׁ אוּן קַיין טוּמְל. אַז דוּ ווילְסְט פָארְן קַיין יַבְנְאֵל - זָאלְסְטוּ פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, וָואס דַארְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיטְהַאלְטְן אַז דוּ פָארְסְט? אַז דוּ וִוילְסְט גֵיין צוּ דִי חֲבוּרוֹת זִיךְ מְחַזֵּק זַיין - זָאלְסְטוּ גֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אָבֶער **וָואס דַארְפְסְטוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹדִיעַ זַיין וואוּ דוּ גֵייסְט?** דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִיר נִישְׁט קַיין מוֹנֵעַ, זִי הַאלְט דִיר נִישְׁט אָפּ, קֶענְסְטוּ דָאךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס, אָן מַחֲלֹקֶת.

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, וָואס וֶועסְטוּ טוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה? רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן דָאךְ אַלֶע קוּמֶען קַיין אוּמַאן; בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דָא אַסַאךְ צַייט, קֶענְסְט נָאךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַלֶע דַארְפְן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, מֶען הָאט דָאךְ גֶעזֶען וָואס הָאט פַּאסִירְט פַאר׳יָאר תשפ״א וֶוען דִי גְרֶענִיצְן זֶענֶען גֶעוָוארְן פְלוּצְלוּנְג פַארְשְׁלָאסְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״ב הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה? קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אַלֶע דַארְפְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ תְּפִלָּה; אָבֶער בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד זִיךְ צוּ קְרִיגְן.

**לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו אַפָּאר מָאל, לֵיין עֶס נִישְׁט שְׁנֶעל;** וֶועסְטוּ זֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אָן קַיין מַחֲלֹקֶת, אָן קְרִיגֶערַייעֶן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט״א



## הַכָּנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח
## חֵלֶק ב׳

**אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט:**
מוֹהַרְנַ״ת פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי חֶסֶד וָואס אִידְן טוּעֶן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן. בִּפְרָט יֶעצְט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וָואסֶערֶע חֶסֶד אִידְן טוּעֶן אַלֶץ אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵייטְן; מֶען טֵיילְט אוֹיס פַאר טוֹיזְנְטֶער אִידְן עֶסְן פַאר פֶּסַח אַרַיינְגֶערֶעכְנְט וַויין, פִיש, פְלֵייש אוּן מַצּוֹת. נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס הֶעלְפְן שְׁלֶעפְּן פַאר אַנְדֶערֶע, סֵיי פַאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג דָאס אָפְּצוּנֶעמֶען אוּן פַאר עֲנִיִּים בְּנֵי טוֹבִים וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ, זֶענֶען דָא וָואס הֶעלְפְן זֵיי בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַלֵיינְס אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח.
מוֹהַרְנַ״ת זָאגְט, וָואס אִיז פְּשָׁט פוּן דֶעם וָואס מֶען שְׁרַייט אוֹיס פֶּסַח בַּיינַאכְט אִין דִי הַגָּדָה בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל פוּן הָא לַחְמָא עַנְיָא: **״כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכֹל״**, וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, וָואס אִיז פְּשָׁט אַז דוּ זִיצְט אִין אַ צוּגֶעמַאכְטֶע שְׁטוּב בִּשְׁעַת דוּ רוּפְסְט אוֹיס **״כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכֹל״**, וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, קֵיינֶער הֶערְט דָאךְ נִישְׁט, לָאמִיר זֶען דוּ זָאלְסְט אוֹיסְרוּפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ: **״כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכֹל״**, וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן! נָאר מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעהָאלְפְן אַלֶע הוּנְגֶערִיגֶע אִידְן, אַלֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח; מֶען הָאט גֶעזָארְגְט פַאר זֵיי פַאר יוֹם טוֹב מִיטְ׳ן זֵיי גֶעבְּן קִמְחָא דְפִסְחָא, מֶען הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט - קֶען מֶען טַאקֶע זָאגְן בַּיים סֵדֶר: **״כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכֹל״**.
וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז אֲפִילוּ דוּ הָאסְט קוֹים פַאר דִיר אַלֵיינְס אוֹיף יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ זוּכְן צוּ **טוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע** - אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בְּמָמוֹן טוּ חֶסֶד בְּגוּף; אַז דוּ וֵוייסְט פוּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען טֵיילְט עֶסְן גֵיי נֶעמֶען פַאר דַיין חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן - פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ; **דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע נְפִילוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ.**



# א מעשה פון א צדיק

## זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין סִיבִּיר

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רָב אַ תַּלְמִיד חָכָם וֶועם דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם הָאבְּן פַּארְכַאפְּט אִין סִיבִּיר, וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז יֶעדֶער וָואס אִיז פַּארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי קַאמֶענִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם אִין סִיבִּיר גֶעוֶוען דָארְט אוֹיף וֵוייַנִיגְסְטְנְ'ס צֶען יָאר, מֶען הָאט דָארְט גֶעטוּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אִין שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אִין בִּיטֶערֶע פְרֶעסְטְן פוּן מֵיינוּס צְוָואנְצִיג, אוּן רוֹב יָאר אִיז בִּכְלָל נִישְׁט דָא קַיין זוּן דָארְט.

מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן דָארְט פַּארְפְרוֹירְן וֶוערְן רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת, מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְטְן פַּארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן הַשֵּׁם יִנְקוֹם דָּמָם; דֶער רָב דֶער צַדִיק אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן נָאךְ צֶען יָאר אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן דָארְט בְּדֶרֶךְ נֵס.

נָאכְ'ן בַּאפְרֵייט וֶוערְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן גְרוֹיסְ'ן צַדִיק דֶער ריי"ץ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים; אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תְּפִילִין אוּן קַיין צִיצִית, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שַׁבָּת, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם מִצְוָה.

אֵיין טָאג אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ"**, הָאט עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אוֹיף וָואס דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָארְנִישְׁט דָא, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין קַיין שׁוּם מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה', אָבֶּער עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: **"מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם, שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה, רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ"**, פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיין אִין אִים אַ שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן: - **'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ'** אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ מִצְוָה צוּ גְלֵייבְּן אִין דִיר; אֶמֶת טַאקֶע אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צִיצִית, קַיין תְּפִילִין, נִישְׁט קַיין שַׁבָּת נִישְׁט יוֹם טוֹב, גָארְנִישְׁט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער: **'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ'** אִיךְ קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי אֱמוּנָה".



וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דָאס זִיצְן אִין סִיבִּיר צֶען יָאר דוּ זָאלְסְט דָאס גֶעוָוואר וֶוערְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָארְנִישְׁט נָאר **'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ'** אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין".

(עצתו אמונה פרשת תזריע תשע"ט)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |

## - כ"ה -

**פארזעצונג פון פריער:** וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, זַייעֶנְדִיג בַּיי זַיין שְׁוֶוער ר' אֶפְרַיִם אִין דָארְף אוֹסְיַאטִין, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ מָאל פָארְן צוּם נָאנְטְן דָארְף סַאמִילֶע, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער קֶבֶר פוּנֶעם בַּאקַאנְטְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה מִיַאנוֹב זַ"ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן דֶעם צַדִיק פַאר אַ שָׁלִיחַ צוּ גֵיין מוֹדִיעַ זַיין פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע דִי בַּקָשָׁה וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט. אוּן אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר מַאכְן דֶעם צַדִיק אַ שָׁלִיחַ צוּ גֵיין צוּ זַיין זֵיידְן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל וָואס לִיגְט אִין טְבֶרְיָה.

***

וֶוען עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי יְשַׁעְיָה מִיַאנוֹב זַ"ל, פְלֶעגְט עֶר דָאס טוּן גָאר פְרִי פַארְטָאגְס, נָאךְ אֵיידֶער דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וויסְן דֶערְפוּן. עֶר פְלֶעגְט צָאלְן אַ סוּמֶע גֶעלְט פַארְ'ן בַּעַל עֲגָלָה פוּן זַיין שְׁוֶוער, אַז עֶר זָאל פָארְן מִיט אִים יֶעדְן פַארְטָאגְס אִין דִי ווינְטֶער טֶעג, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק נָאךְ אֵיידֶער ס'אִיז גֶעוָוארְן טָאג, אַזוֹי הָאט זַיין שְׁוֶוער גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט עֶפֶּעס פוּן דִי רֵייזֶע.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז זַיין שְׁוֶוער הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דִי פֶערְד זֶענֶען זֵייעֶר פַארְשְׁוויצְט אִינְדֶערְפְרִי, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה אִיבֶּער דֶעם, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת.

אִין יֶענֶע יָארְן, גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז נָאךְ אֲפִילוּ גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ פַאסְטְן, אוּן אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן צוּמָאל הָאט עֶר גֶעפַאסְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן נָאכַאנַאנְד מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת.

כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלְס אַ גֶעצֶערְטֶלְט קִינְד, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאגֶער, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעשׁוֹינְט אוֹיף זַיין קֶערְפֶּער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ מְסַגֵף גֶעוֶוען אוּן גֶעפַאסְט. עֶר פְלֶעגְט פַאסְטְן אַכְצְן מָאל אַ יָאר מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת.

קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי תַּעֲנִיתִים וָואס עֶר פַאסְט, אֲפִילוּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן קְרוֹבִים. נָאר זַיין וַוייבּ הָאט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט אִיר בַּאשְׁוואוֹירְן אַז זִי זָאל דָאס נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט. עֶר פְלֶעגְט טוּן אַלֶע סָארְט פְּעוּלוֹת אוּן תַּחְבּוּלוֹת צוּ בַּאהַאלְטְן זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז עֶר פַאסְט.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפַאסְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף וָואס אוֹיסְצוּפַאסְטְן נָאךְ אַ תַּעֲנִית, אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן גְרֵייטְן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן עֶפֶּעס אַ וַוארֶעמֶע זַאךְ צוּ טְרִינְקֶען, עֶפֶּעס מִילְךְ, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן קֵיינֶער הָאט דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר פַאסְט, עֶר פְלֶעגְט סְתָּם עֶסְן וָואס מְ'הָאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפַאסְט, נָאכְ'ן פַאסְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִין אַ צִי. אוּן דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן יֶענֶעם פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ דָארְט צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן.

גְלַייכְצַייטִיג פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן פְרַייטָאג לְכָבוֹד שַׁבָּת, דִי מִקְוֶה דָארְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קַאלְט, אוּן כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן נָאךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאסְטְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דִי פְרָאסְטִיגֶע מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְזוֹימְט אִין מִקְוֶה פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי שָׁעָה, אַ זַאךְ וָואס אֲפִילוּ אַ גֶעזוּנְטֶער שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן.



די שטאט אוסיאטין

אִין דִי אַלֶע טֶעג אוּן יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט, נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ"ל פְלֶעגְט קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אִים אוּן אוֹיפְפְלַאמֶען זַיין הַארְץ אַז עֶר זָאל אִים אוֹיךְ נָאכְטוּן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִים, אוּן דֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ"ל פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# דער רימעט קנעפל



ישראל דוד העסקעל

"זעצ דיך שוין אראפ פאר דו כאפסט א קלינגעדיגע פראסק!" - שרייט דער מלמד אויף מיר מיט יאמערליכע קולות, אזש די ווענט פון קלאס האבן געציטערט! די און נאך אייניגע פאסירונגען פון אלס קינד קומט מיר אסאך מאל ארויף אין געדאנק, און אלס טראכט איך וואס פאר א לימוד קען איך נעמען פון יענע צייטן. לעצטענס איז דאס מיר נאכאמאל ארויפגעקומען אויפן געדאנק דורך א אינטערעסאנטע מעשה, הערט צו!

לעצטענס האב איך אויפגעכאפט ביי די הערליכע ארטיקלען פון ר' משה ארי' אז אסאך ארטיקלען רעדן פון 'איך געדענק נאך ווען...' אדער 'איך דערמאן זיך צוריק...' דאס איז דאך אזא געשמאקע זאך אז דער שרייבער קען זיך דערמאנען פון די זיסע צייטן ביי מוהרא"ש זצ"ל און נעמען גוטע סחורה פון יענע צייטן צום באשרייבן.

אבער וואס טו איך? איך וויל אויך אמאל קענען קראצן מיינע זכרון קעמערלעך און שרייבן אמאל איך געדענק נאך ווען... אבער איך קען דאס נישט שרייבן, ווייל איך האב נישט געהאט די צייטן, איך בין נאך אינג ב"ה און ווען איך וויל זאגן 'איך געדענק נאך ווען' ווערט עס געווענליך אויסגעפירט מיט - איך האב געכאפט מכות אין חדר, אדער ווען איך בין געשטאנען אינדרויסן פון די מנהל'ס אפיס, וועגן איך האב ... געטון...

פארגאנגענעם פורים איז מיר אונטערגעקומען א בליץ! איך בין ארומגעגאנגען מיט א פעקל קונטרסים און פרובירט צו מחזק זיין יעדער וועמען איך האב נאר געזען, איך געדענק נישט צופיל, איך בין נישט געווען אין קיין מצב פון קענען גיין גלייך... איך האב איין זאך געוואוסט - איך האב יעצט א גאנצע שטאט צו מחזק זיין.

בשעת'ן זיך אזוי ארומדרייען פון גאס צו גאס און פון שול צו שול, האב איך אנגעטראפן א גוטער חבר מיינער און איך טראכט אזוי צו זיך דא האב איך א גוטע פישל... אים קען איך דאך גוט, איך ווייס דאך ווי שטארק ער דארף דעם רבין'ס חיזוק... איך גיי צו צו אים - אהההה א פרייליכן פורים!! ער זאגט מיר צוריק א פרייליכן פורים מיט א פנים וואס זאגט 'שיכור שמור מרחוק'... מסתמא מיינט ער אז איך גיי אים יעצט באפאלן פאר א ברכה... אדער אים אנברעכן... איך בין געווען גוט בגילופין האב זיך גאנץ ווייניג דערשראקן פון זיין פנים, איך הייב אים אן צו באגיסן מיט חיזוק ווערטער וואס איך האב אין מיר, פון די דרשות פון דער ראש ישיבה...

איך פרעג אים וואס מיינט זיין פרייליך? ער פארשטייט נישט פונקטליך וואס איך וויל פון אים, זיין פרייליך מיינט זיין פרייליך, פונקטליך וואס ווילסטו יעצט?! און איך



זאג אים: "זיין פריילעך מיינט - נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן, וויסן אז יעדער דורכגאנג איז א נסיון וואס דער אייבערשטער געבט צו זען ווי אזוי דער מענטש גייט זיך דערהאלטן..."

ער האט שוין פארגעסן פון די פנים וואס ער האט מיך פריער געמאכט, יעצט וויל ער שוין הערן נאך. און איך קארג זיך נישט מיט קיין ווערטער, איך באגיס אים מיט גוטע ווערטער און מיט גוטע חיזוק. ער איז זיך ממש מחי'... אזוי ביים סוף גער איך א שלעפ ארויס די קונטרס 'שלום אין שטוב', איך געב אים עס אהין, און איך זאג אים 'ליין עס דורך ס'וועט דיר לעכטיג ווערן'.

ער גיבט מיר אזא קוק אן, ווי צו ארויס ברענגען אז 'אהה איך האב נישט געוויסט אז די אלע שיינע חיזוק קומט פון ברסלב'. און ער רופט זיך אן צו מיר: "זיי נישט ברוגז, איך פארשטיי אז פאר דיר האסטו געטראפן דיין פלאץ און איך רעספעקט עס.... אבער נישט יעדער דארף יעצט ווערן א ברסלב'ער ווייל דו ביסט דארט אנגעקומען..."

איך האב אים פרובירט צו מסביר זיין אז מ'מוז נישט ווערן א ברסלב'ער, פארקערט בלייב אין דיין פלאץ וואו דו ביזט, און לעב דארט מיט די אלע שיינע עצות! אבער איך האב נישט געקענט ביי אים פועל'ן, ער וויל פון גארנישט וויסן, ער מאכט עס זייער קלאר "איך האב מיר מחי' געווען מיט די געשמאקע חיזוק ווערטער, און מיר קענען ווייטער זיין גוטע חברים, אבער איך וויל נישט האבן קיין שייכות מיט 'ברסלב', ס'איז ממש קעגן מיינע פרינציפן..."

אזוי בין איך אוועקגעגאנגען פון אים און גראד געגאנגען צום נעקסטן. איך מוז קלאר מאכן אז רוב מענטשן האבן גענומען די קונטרסים און קארטלעך און זיך ממש מחי' געווען מיט דעם געוויסע מענטשן האבן מיך ממש נישט געוואלט לאזן גיין ווייטער, עטליכע האבן מיר אפילו געזאגט אז זיי פארפאסן נישט קיין איין שיעור, אבער זיי באהאלטן זיך נאך.... (פון וועמען?!...).

דער אויבנדערמאנטער חבר קען איך גוט, איך ווייס מער וויפיל ער מיינט אז איך ווייס וואס גייט פאר ביי אים, און איך ווייס וויפיל חיזוק ער דארף, ממש א שאד אז ער נעמט נישט פון מיר דעם קונטרס!

און דא דערמאן איך זיך פון די מעשה אלס קינד ווי איך שטיי אינדרויסן פונעם מנהל'ס אפיס פאר עפעס א טראבל וואס איך האב געטון, מיינע באקן זענען אויפגעשוואלן פון די מלמד'ס פעטש, און איך ווייס שוין פון עקספיריענס אז פונעם מנהל קומט כפל, מיין קליינע מח הייבט אן פיבעריג ארבעטן, איך האב דאך נישט קיין זיין פלייש (עפ"ל מיינע מלמדים) אבער וויל איך דען זיין שלעכט? וויל איך דען מאכן טראבל? איך באקום דאך נאר צרות פארדעם... פאר איין קליינע וויץ האב איך געכאפט מכות פון מיין מלמד אויף מיין מנהל... אזוי געדענק איך ווי איך פלעג אלץ מאכן דעם חשבון הנפש פינף מינוט צו שפעט...
איך האב אלץ געהאט די זעלבע מחשבה - אויב איז דא אזא זאך אז איך קען יעצט באקומען א רויטע קנעפל (פרעג מיך נישט פארוואס רויט...) וואס ווען איך דרוק דעם קנעפל באקום איך א סעקאנד טשענס (נאך א געלעגנהייט), און איך גיי קענען



מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו

מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

חודש אדר

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ן'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו




געהעריג האבן זיך פלייש, און שוין איינמאל פאר אלעמאל זיין וואויל, און קענען זיין געהעריג-געהעריג - דרוק איך עס יעצט!

וואס זאל איך טון אז איך בין א לעבעדיגער אינגל וואס הוצקעט ארום און קען נישט איינזיצן? איך האב זיך עס נישט געוועלט...

מיינע מחשבות ווערן איבערגעהאקט, דער מנהל איז שוין גרייט מיך צו שלאגן, ער באזוט די בעל איך זאל אריינקומען, ער טוט אן זיין גארטל לקראת די גרויסע מצוה פון אנהאקן א ניין יעריג יונגל די ביינער.... און שוין!

איך האב נישט זוכה געווען דעמאלט צו די חלום פון אזא רויטע 'ריסעט באטן', אבער מיין אויבנדערמאנטן חבר האט יא באקומען אזא סארט קנעפל, און ער וויל עס נישט דרוקן, וואס איז די מעשה מיט אים?

שכח אייבערשטער אז מיר האבן נישט אוועקגעשטופט דעם רויטן קנעפל, מיר האבן באקומען דעם ליכטיגן מתנה 'היכל הקודש ברסלב' וואס לעבט אונז אויף, און וויזט אונז א וועג צו לעבן מיט'ן אייבערשטן יעדע רגע און יעדע מינוט!

און אז מיר מיר פארמאגן שוין יא אזא רויטע קנעפל, דארף מען זען עס צו געבן פאר א חבר וואס האט דאס נאכנישט, זאל נאך א איד זיך קענען מחי' זיין! און אויב היינט האט ער נאכנישט די שכל עס צו נעמען, פרוביר מארגן נאכאמאל!

מוסדות

**היכל הקודש ברסלב**

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זיע"א

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# כוס תנחומין

שגורה אל ידידנו היקרים

מוה"ר **ישראל דוד לייב**

**ורחל רוטנער** שיחיו

ובניהם אברהם, יצחק הי"ו

המתאבלים מרה בפטירת בנם, אחיהם היקר

נפש נקי וצדיק

## הבה"ח יוסף ז"ל

מתלמידי מוסדותינו הקדושים

בוויליאמסבורג יע"א

שנתייסר ביסורים ועלה בסערה השמימה

בפתע פתאום

ביום השבת קודש שעברה, פרשת כי תשא - פרה

יה"ר שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו

ובעל הרחמים ינחמכם בתוך שאר אבלי

ציון וירושלים

אמן

החותמים בצער רב

**מוסדות היכל הקודש**

יצחק אייזיק אפפעל - בשם מוסדות היכל הקודש

בארץ ישראל

## פרנס השבוע

בישיבה קטנה

היכל הקודש

בעיה"ק

ירושלים

תובב"א

נתרם על ידי

משתתפי

הלוויה

לעילו נשמתו

הטהורה



# מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת תרומה - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן א הערליכע סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א פרשת תרומה, איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן צו אראפשרייבן וויפיל איך געדענק פון די שיינע שיחות וואס איך האב זוכה געווען צו הערן ביי די לעכטיגע סעודה.

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול זייער פרייליך און ביים אריינקומען האט דער ראש ישיבה פרייליכערהייט אויסגערופן: "גוט שבת! גוט שבת!"

דער ראש ישיבה'ס זון הרב אלחנן שליט"א און דער ראש ישיבה'ס איידעם הרב נתנאל שליט"א האבן דארט געגעסן, און אויך איז דער ראש ישיבה'ס זון הרב שלמה שליט"א אריינגעקומען פון שטעטל אויף שבת. ס'איז געווען זייער קאלט אינדרויסן, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן מיט א שמייכל אז די וואך האט מען געמאכט א שבתון פאר די גאנצע משפחה אין סיביר...

דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעשטעלט די פלעצער ביים טיש ווי יעדער זאל זיצן, און מען האט אנגעפאנגען צו זינגען זמירות. נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין זון שלמה אז ער זאל מאכן צייט צו גיין באזוכן באבי און זיידי. דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "ס'קען זיין שבת ביינאכט, שבת נאכמיטאג, אדער אפילו מוצאי שבת, אבער אז מען קומט אריין פון שטעטל דארף מען ערגעץ מאכן צייט צו ארויפגיין באזוכן די זיידע און באבע". און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "איך וועל מיך זייער פרייען ווען אונזער איניקל נחמן נתן וועט חתונה האבן און ער וועט אונז קומען באזוכן". און דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט: "יא נחמן נתן? וועסט אונז קומען באזוכן נאך דיין חתונה?..."

דער ראש ישיבה האט דערציילט וועגן די השבת אבידה וואס גייט זיך יעצט עפענען אין שטעטל, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט געטראפן א משפחה וואס וועט עס טון מיט הארץ - משפחת טייטלבוים. אלע זאכן וואס האבן א נאמען וועט מען אנרופן די מענטש וואס האט עס פארלוירן, און אלע אנדערע זאכן וועט מען קענען קומען אפנעמען ביז 30 טעג. נאכדעם וואס עס בלייבט איבער וועט מען אויסוואשן און פארקויפן פאר גאר א ביליגע פרייז.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "איך האב גערעדט יעצט אין שול מיט'ן מלמד פון יצחק דוד און הערשי און ברוך השם ער זאגט אז אונזערע קינדער האבן דרך ארץ. ס'איז דא קינדער וואס ווען דער מלמד הייסט זיי עפעס, שרייען זיי צוריק און זיי פאלגן נישט, אבער ברוך השם אונזערע קינדער זענען דרך ארץ'דיג. זיי קענען אפאר מאל פארגעסן, אבער ווען מען דערמאנט זיי צו זיין שטיל פאלגן זיי". דער ראש ישיבה האט גערעדט צו זיין ווייב, אבער איך האב געזען אז ער מיינט די קינדער, אז זיי זאלן הערן אז מען דארף זיין דרך ארץ'דיג.

דער ראש ישיבה האט אויך דערציילט אז ער האט שוין גערעדט מיט'ן מלמד וועגן זומער, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז די יאר וועט שוין זייער קלאס גיין אין קעמפ. אבער דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, אונזערע קינדער שלאפן נישט אין קעמפ, אונזערע קינדער שלאפן אינדערהיים, ענק וועלן אבער קענען פארן יעדן טאג אין קעמפ און דארט לערנען.

דא האבן די קינדער אנגעהויבן פרעגן טויזנט שאלות: "אונז גייען עכט לערנען אין קעמפ? וואו גייט מען לערנען, אין וואלד? ס'איז נישט שרעקעדיג? מען גייט פארן יעדן טאג? מען גייט אויך גיין שווימען? וואו גייט עס זיין?..." אזוי האבן זיי געהאט נאך און נאך שאלות א גאנצן צייט. דער ראש ישיבה האט זיי אויסגעהערט מיט געדולד און זיי געענטפערט זייערע קשיות, ביז דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב מיט א שמייכל: "מאמי, זאל איך יעצט ענטפערן אלע שאלות אדער זאל מען ווייטער שמועסן אינמיטן די סעודה?..." האט זי געזאגט אז ער קען פרעגן נאך איין שאלה און נאכדעם גייט מען שוין מאכן קידוש.

דער ראש ישיבה האט אריינגעגאסן פון די בעכער אין די באטל גרעיפ דשוס דריי טראפנס וואסער, און דער ראש ישיבה האט

<<<<



זיך אנגערופן צו זיין אייניקל נחמן נתן: "דיין טאטע טוט אויך אזוי?" דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעפילט די בעכער און געזאגט אז די וואך וועט דער אייניקל נחמן נתן אויפהייבן די בעכער.

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש, און נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געטיילט פאר יעדעם גרעפ׳ל דשוס. אינמיטן איז דער ראש ישיבה'ס ווייב געגאנגען אין קאך און איינער פון די קליינע קינדער האבן זיך אראפגעזעצט אויף איר פלאץ, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו אים: "מען טאר נישט זיצן אויף א מאמעס פלאץ", האט ער אנגעפאנגען צו וויינען... האט איינער זיך אנגערופן, איך מיין אז מען שרייט אויף אים צו סאך וועגן דעם וויינט ער א גאנצן צייט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נישט וועגן דעם וויינט ער, נאר ס'קומט ווייל מען צערטלט אים צו שטארק, נאכדעם וואס מען זאגט אים וויינט ער.

דערנאך האבן אלע קינדער געמאכט א רייע ביי די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן, דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן ווי אזוי צו האלטן די הענט זייטיג, און דער ראש ישיבה האט זיי געהאלפן מאכן די ברכה און געזאגט אז ווען מען מאכט די ברכה הייבט מען אויף די הענט הויך.

דער ראש ישיבה האט זיך געוואשן און זיך אראפגעזעצט און געווארט אז זיין ווייב זאל אריינקומען צום טיש, נאכדעם האט דער ראש ישיבה געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה, און דערנאך האבן די קינדער אריינגעברענגט די פיש. דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווער ווייסט פארוואס מען עסט פיש שבת? ווייל צדיקים ווערן מגולגל אין פיש". האט איינער פון די קינדער געפרעגט: "פארוואס ווערן זיי מגולגל פונקט אין פיש?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז פיש שווימען אין וואסער און וואסער איז זייער א ריינע פלאץ, ס'איז נישט מקבל טומאה, און אז מען זאגט לכבוד שבת, מען זינגט זמירות און מען דינט דעם אייבערשטן האבן זיי א תיקון.

אינמיטן האב איך באמערקט ווי דער ראש ישיבה ווייזט פאר איינע פון די קינדער ווי אזוי צו עסן מיט

**ס'איז דא צייער א שטארקע יצר הרע נישט צו ענדיגן א זאך וואס מען האט אנגעהויבן, דער יצר הרע לאזט נישט דאס צו. אזוי ווי זיין נאמען איז ראשי תיבות, 'סיום מסכת אין לעשות', אדער 'סיום מקצוע אין לעשות'.**

דרך ארץ, דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ס'איז נישט קיין דרך ארץ צו צוקוועטשן די פיש, און אים געוויזן ווי אזוי צו עסן שיין מיט א גאפל.

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב אז די עסן איז געווען זייער גוט. מען האט אנגעפאנגען צו זינגען זמירות און דער ראש ישיבה האט געבעטן איינע פון די קינדער זאלן ברענגען מאמי'ס גלעזל און איר געשיקט גרעפ׳ל דשוס מיט סעלצער.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די זופ, מען האט עס סערווירט זייער שיין מיט א גרויסע טעלער אונטער די זופ טעלער, דער ראש ישיבה האט געזאגט הויך: "לכבוד שבת קודש!" און דערנאך אנגעפאנגען עסן די זופ. שפעטער האט דער ראש ישיבה געפיטערט די קליינע קינדער זופ און דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט זיי: "לכבוד שבת קודש! פיינע פרישע חלות, לכבוד שבת קודש! פיינע הייסע זופ, לכבוד שבת קודש! מעין עולם הבא..."

איינע פון די קינדער האט געוואלט עפעס און ער האט געבעטן: "פליז קענסט מיך עס געבן?" האט דער ראש ישיבה זיך געווערטלט און געזאגט אז ווען איינער בעט עפעס און ער זאגט 'פליז קען איך עס האבן', קען מען אים צוריקענטפערן איך בין נישט קיין פאליס...

איינע פון די קינדער האט זיך געשפילט מיט א מאסק און די בעיבי יחזקאל האט זיך דערשראקן און אנגעהויבן וויינען, האט דער ראש ישיבה אים שטרענג געזאגט אז ער זאל עס אוועקלייגן, ער זאל נישט דערשרעקן קיין קינדער.

שפעטער האט מען געשמועסט וועגן א שרעקעדיגע פייער וואס איז געווען די וואך, איינער האט געזאגט אז אפשר האט עס פאסירט וועגן דעם און איינער האט געזאגט אז אפשר זענען זיי נישט געווען ערליך, אבער דער ראש ישיבה האט געוויזן מיט די פינגער אויף די מויל אז מען זאל נישט רעדן, דערנאך האט דער

<<<<



ראש ישיבה אויפגעהויבן די הענט און געזאגט: "אונז ווייסן גארנישט, אונז ווייסן גארנישט".

דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן זיין חתונה געהאטע טאכטער זי זאל אריינברענגען די פלייש, קוגל און פערפל, מען האט אראפגעלייגט גרויסע טעלערס אינמיטן טיש און יעדער האט געקענט נעמען וואס און וויפיל ער דארף.

אינמיטן האט דער ראש ישיבה אויסגערופן: "אה די פלעי איז שוין דא! מען גייט שוין מאכן די פלעי!"... איך האב געווארט צו זען וואס די פלעי איז, האב איך געזען אז איין קינד האט זיך פארשטעלט מיט א האנטוך אויפן קאפ און אלע מיני שמאטעס, און דער ראש ישיבה געבעט אים אויפמערקזאמקייט. דער ראש ישיבה האט אים אויפגעשטעלט אויף א בענקל און ער האט געזינגען "עס ווערט נאך ווערן בעסער, דארפסט נאר רעדן צום באשעפער, ער איז פון אלעם גרעסער, תפילה עפענט אלע שלעסער, איך פיל שוין ווי ס'ווערט מיר בעסער"... שפעטער זענען אויך געקומען די גאר קליינע קינדער און דער ראש ישיבה האט זיי אויך אויפגעשטעלט אויף א בענקל און יעדע קינד האט באקומען אסאך אויפמערקזאמקייט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "געדענקסט ווען אונז האבן געמיינט אז אונז גייען נישט האבן קיין קינדער? שכח אייבערשטער ס'איז געווארן אזא שיינע משפחה"...

שפעטער האט מען גערעדט וועגן סופרות, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן צו האבן ערליכע סופרים, ווייל דאס איז ווי אזוי די משיח שקר שבתי צבי ימח שמו האט געקענט האבן אזא כח, ער האט געהאט סופרים, שוחטים, און מלמדים פון זיינע מענטשן. דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין זון שלמה וואו ער האלט מיט זיך לערנען שחיטה וואס ער האט אנגעהויבן זיך לערנען א צייט צוריק, און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ס'איז דא זייער א שטארקע יצר הרע נישט צו ענדיגן א זאך וואס מען האט אנגעהויבן, דער יצר הרע לאזט נישט דאס צו, אזוי ווי זיין נאמען איז ראשי תיבות, 'ס'יום מ'סכת א'ין ל'יעשות', אדער 'ס'יום מ'קצוע א'ין ל'יעשות'.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז געווען די וואך אין שטעטל און פארציילט פאר די קינדער א מעשה ביי לאנטש. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ווען איך רעד צו קינדער פרוביר איך אלץ אריינצולייגן אין די מעשה סענסיטיוועו זאכן. למשל ווען איך פארצייל א מעשה פונעם הייליגן רבי אלימלך זכותו עלינו, אדער פון דוד המלך, פרעג איך די קינדער "ווער ווייסט וועלכע קאליר האר ער האט געהאט? דוד המלך איז געווען אראנדש, דאס איז די שענסטע קאליר, די קעניגליכע קאליר. ווער נאך האט די שיינע קאליר האר?..." און די קינדער פרובירן שנעל אויפצוזוכן וועלכע קינד ס'האט אראנדשע פיאות, און ס'ווערט א גאנצע זאך ווער ס'האט די קאליר האר".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב אלץ מורא אז מען זאל זיך נישט נעמען אויף א קינד מיט אראנדשע האר און אים טשעפענען, ווייל איך געדענק נאך ווען איך בין געווען א אינגל אין חדר און מען פלעגט טשעפענען און נאכשרייען די קינדער, און אזוי געב איך אכטונג אויף דעם, ווייל קינדער ווייסן נישט וואס איז שיין, וואס מען זאגט זיי אז ס'איז שיין דאס ווערט שיין".

איינער האט פארציילט ווען ער רעדט מיט מענטשן וועגן דער ראש ישיבה געבעט ער זיך אלעמאל א רוף אן אינמיטן די שמועס: "ווייסט, דער ראש ישיבה האט אסאך געלט, דער ראש ישיבה האט פראפערטיס אל אוווער"... און פלוצלינג זעט מען ווי מענטשן געבן זיך א טויש: "יא? דער ראש ישיבה האט געלט?!" און זיי הייבן אן צו רעדן גאר אנדערש. האט דער ראש ישיבה געלאכט און אים געפרעגט: "זאג מיר די אמת, ווען דו זיצט ביי א שמועס און איינער ווייזט דיר 'זעסט, יענער איד איז א מיליאנער, ער האט אסאך געלט', עפעס טוישט זיך ביי דיר? דו הייבסט אן צו קוקן אנדערש אויף אים? ביי מיך נישט, ביי מיך איז נישט קיין שום חילוק צו יענער האט געלט אדער נישט", האט יענער געענטפערט: "איך קוק אים נישט מער ארויף וועגן זיין געלט, אבער איך הייב אן טראכטן אז ער איז א קלוגער מענטש, ער ווייסט ווי אזוי צו מאכן אסאך געלט, מוז זיין אז ער איז קלוג", האט דער ראש ישיבה געלאכט און געזאגט אז ס'איז פונקט פארקערט, דער רבי זאגט אז עשירים זענען משוגעים. און דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון זיינע קינדער: "דו ווילסט זיין א מיליאנער? דו ווילסט זיין א שוטה?"...

דער ראש ישיבה האט גערופן די קינדער וואס זענען שוין פריער געגאנגען שפילן און זיי געפרעגט: "קינדער וואס קען מען טון מיט געלט? ס'איז גארנישט דא וואס צו טון מיט געלט נאר איין זאך, געבן צדקה, דאס איז די איינציגסטע מצוה וואס מען קען טון מיט געלט".

און דער ראש ישיבה האט ווייטער געפרעגט: "א ארעמאן וואס האט אסאך געלט, איז מער זאט יעצט נאך די סעודה ווי דיר?" און דער ראש ישיבה האט אויפגעהויבן א שטיקל

<<<<



חלה און געפרעגט: "זיין חלה האט געהאט א בעסערע טעם ווי דיינס ווייל ער האט געלט?" די קינדער האבן געלאכט און געשאקלט מיט די קאפ ניין.

און דער ראש ישיבה האט ווייטער חוזק געמאכט: "א עושר עסט גאלדענע באנאנעס? זילבערנע באנאנעס?!"... און דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז ס'איז געווען א עושר וואס האט זיך געבויט א הויז און ער האט נישט געהאט וואס צו טון מיט זיין געלט האט ער געמאכט א גאלדענע בית הכסא, די ברעטל איז געווען פון גאלד. און דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: "וואס איז ערגער, א פלעינע ברעטל וואס ווערט שמוציג, אדער א גאלדענע? האט זיך איינער פון די קינדער אנגערופן אז א גאלדענע איז ערגער ווייל מען קען נישט זען קיין חילוק ווי ס'איז שמוציג"... מען האט זייער געלאכט.

און דער ראש ישיבה האט ווייטער געפרעגט די קינדער: "וואס קען מען טון מיט געלט?" האט איין קינד געזאגט אז מען קען קויפן עסן, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויב מען דארף עסן בעט מען דעם אייבערשטן.

האט זיך איינער אנגערופן אז מען קען בויען א שיינע באקוועמע הויז מיט געלט, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "און וואס האסטו פון דעם? ס'איז נאר אינטערעסאנט ווייל דו האסט עס נישט יעצט, אז איינער מופט אריין אין אזא הויז איז עס אינטערעסאנט פאר איין וואך. און דער ראש ישיבה האט אים דערמאנט: "געדענקסט ווען אונז זענען איינמאל געפארן אויף שבת צו איינער וואס האט זיך געבויט אזא מעכטיגע הויז און ענק זענט גלייך ארויסגעלאפן צו די סווינגס, ענק זענען געווען אזוי פריילך, אבער די קינדער פון יענע משפחה פאר זיי איז נישט געווען אינטערעסאנט די סווינגס, זיי קענען עס האבן א גאנצן טאג, זיי האבן נאר געזוכט ווי זיי קענען זיך שפילן מיט צווייגן און זאמד"...

אויך דער ראש ישיבה האט דערציילט וועגן א אינגערמאן וואס האט זיך געמאכט א סווימינג פול אין זיין הויז אבער ער נוצט עס אפילו

**"וואס קען מען טון מיט געלט?" איין קינד געזאגט אז מען קען קויפן עסן, האט דער ראש ישיבה געזאגט "אויב מען דארף עסן בעט מען דעם אייבערשטן."**

נישט, ווייל ס'איז נאר אינטערעסאנט אז מען גייט אמאל גיין שווימען, אבער אז מען קען עס האבן א גאנצן צייט איז עס נישט אינטערעסאנט, ס'איז נאר אינטערעסאנט פאר די חברים צו זען.

אזוי האט דער ראש ישיבה ווייטער גערעדט וועגן די ארעמעלייט מיט אסאך געלט, און ס'איז געווען דארט אזוי פריילך אז שפעטער איז איינער פון די קינדער צוריקגעקומען זאגן: "איך וויל אז מען זאל נאכאמאל מאכן די דשאוקס אויף עשירים אזוי ווי פריער"...

צוביסליך האבן אנגעפאנגען ארויפצוקומען מענטשן צו די באטע, און מען האט געעפנט א באנק און געלייגט ביי די וואנט, כדי ס'זאל זיין פלאץ פאר יעדעם צו זיצן. שפעטער איז אויך אנגעקומען א חתן וואס זיין באווארפן איז געווען יענע וואך, און מען האט געזינגען סימן טוב ומזל טוב. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער טראכט אפשר צו מאכן די דאנערשטאג נאכט שיעור אין לעיקוואוד, אזוי וועט דער ראש ישיבה אויך קענען גיין צו זיין חתונה וואס וועט זיין דאנערשטאג נאכט.

איינער פון די בחורים וואס לערנען נישט אין ברסלב'ע ישיבה אבער ער הערט אויס די שיעורים פון דער ראש ישיבה - האט פארציילט אז ער האט איבערגעזאגט פאר זיין משגיח וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז עס איז דא אן אויסדרוק א "הימל מענטש" וואס מען דרוקט זיך אויס אויף א העכערער סארט מענטש, אז יענער איז א הימל מענטש, אבער ווער איז טאקע א הימל מענטש? דער וואס קען זיך אויסקומען מיט א פארקערטע נאטור, דער וואס האט שלום בית און קען לעבן מיט די ווייב אפילו ז' טראכט פונקט פארקערט פון מיר, ווייל מוהרא"ש זאגט אז די הימל איז צאמגעשטעלט פון צוויי פארקערטע זאכן, פייער און וואסער; פייער טריקנט אויס וואסער און וואסער לעשט אויס פייער, אבער די הימל איז וואסער און פייער

<<<<

אינאיינעם צו טון די ווילן פונעם אייבערשטן, אזוי אויך דער וואס קען לעבן מיט א פארקערטער נאטור, דער איז א הימל מענטש.

זיין משגיח האט אזוי הנאה געהאט פון דעם, און ער האט אים געפרעגט: "וואו קען איך הערן נאך אזעלכע זאכן?" האט אים דער בחור געגעבן די נומער פון די האטליין צו קענען הערן נאך שיעורים. שפעטער האט דער משגיח זיך אנגערופן צו אים: "דו ווייסט נישט וואס דו ווארט האט געטון מיט מיר".

דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו הערן, און זיך אנגערופן אז מען זעט אז פון אלע זאכן וואס מען רעדט דא אין היכל הקודש קענען אויך אנדערע רעדן פון דעם, ס'איז דא וואס רעדן פון רעדן צום אייבערשטן, לעבן מיטן אייבערשטן, און מען קען אפילו טרעפן איינער וואס איז געווארן זייער איבערגענומען פון די סדר דרך הלימוד און ער רעדט צו זיינע מענטשן וועגן דעם, אבער וועגן שלום בית הערט מען קיינעם נישט רעדן, דאס רעדט מען נאר דא.

און דער ראש ישיבה האט אויך געזאגט פארוואס, ווייל ביי אנדערע איז עס איבריג, ער פארשטייט אויך נישט וואס מיינט א ווייב, אפילו גרויסע רבי'ס. דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן א אינגערמאן וואס פאר ער איז מקורב געווארן האט זיך געדרייט ביי עפעס א גרויסע רבי און ער פלעגט מיטפארן מיט אים אויף וואקאציע, האט ער פארציילט ווי ער פלעגט הערן ווי דער רבי רעדט צו זיין ווייב, אפילו א פשוטער מענטש רעדט נישט אזוי צו זיין ווייב.

נאך האט דער ראש ישיבה פארציילט וועגן אן אנדערער אינגערמאן וואס פאר ער איז מקורב געווארן איז ער געווען א הויז בחור ביי עפעס א גרויסע רבי, און ס'איז געקומען ביינאכט און זיין ווייב האט אים אהיימגערופן איז ער געגאנגען זאגן פאר דעם רבי'ן אז ער דארף שוין אהיימגיין ווייל זיין ווייב רופט אים אהיים, האט דער רבי אים געזאגט: "דיין ווייב רופט דיך אהיים? זי דארף גיין אויף טערעפי אדער געב איר א גט, אזוי וועסטו קענען דא בלייבן א גאנצע נאכט זיין הויז בחור..."

נאכדעם האט מען אנגעפאנגען זינגען זמירות און אויך האט מען אריינגעברענגט טרינקען פאר דער עולם וואס איז ארויפגעקומען צו די באטע, דער ראש ישיבה האט גערעדט אז מען זאל זיך נישט שעמען צו נעמען טרינקען אויב מען דארף, ווייל דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט אז אויב ס'איז דא אויפן טיש עסן אדער טרינקען און איינער עסט נישט ווייל ער שעמט זיך, איז עס אזוי ווי מען דינט עבודה זרה.

מען האט ווייטער געזינגען און שפעטער האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די פרשה פון די וואך, דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט אלע זאכן וואס מען האט געקענט ברענגען פאר די משכן אז איינער האט געברענגט גאלד און איינער זילבער, און אויך האט מען געדארפט האבן איינער א פאני מענטש וואס זאל ברענגען א רויטע פאדעם... מען קען נישט האבן נאר גאלדענע אידן, יעדער איינער טוט וואס ער קען, ער ברענגט וואס ער קען און אזוי ווערט א שיינע משכן.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די ניסים וואס איז געווען ביי די ארון, אז ווען מען האט געדארפט גיין פון איין פלאץ צום צווייטן איז געווען מענטשן וואס עס האט אויסגעקוקט ווי זיי טראגן די ארון, אבער עכט האט די ארון זיי געטראגן. מען האט דאס געזען ווען מען איז אריבערגעגאנגען די ירדן, אז יעדעם'ס פיס געווארן אביסל נאס, אויסער די מענטשן וואס האבן געטראגן די ארון ווייל באמת האט די ארון זיי אויפגעהויבן און געטראגן. מען זעט פון דעם אז ווען מען לעבט מיט די אייבערשטער, מען לערנט תורה, דעמאלטס העלפט דאס די מענטש און מען לעבט מיט ניסים.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז די ארון איז געווען גרעסער ווי די פלאץ ווי ס'איז געליגן, די ארון האט נישט אריינגעפיט אין די קדשי קדשים, אבער ס'איז געווען דארט מיט א נס, די ארון איז געווען העכער פון פלאץ. מיר קענען עס נישט פארשטיין, ווי אזוי די ארון מיט די צוויי כרובים האבן געהאט פלאץ אין די קדשי קדשים, אבער מען קען זיך ארויסלערנען פון דעם אז באמת איז טאקע נישט מעגליך צו האבן שלום בית, ווי אזוי קען זיין אז צוויי מענטשן זאלן לעבן צוזאמען און זיך פארשטיין? אבער אז מען איז זיך מבטל צום אייבערשטן קען מען האבן שלום בית.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה פונעם הייליגן מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו, אז ער האט זייער שטארק געבעטן זיינע תלמידים זאלן מקרב זיין עפעס א געוויסע עושר, און מען זאל בעטן דעם אייבערשטן אז יענער זאל מקורב ווערן. מען האט ארויסגעשיקט מפיצים מיט קונטרסים, גליונות, ביז יענע עושר איז טאקע מקורב געווארן. אבער מען האט געזען א אינטערעסאנטע זאך, ווי נאר ער האט אנגעפאנגען צו לערנען און דאווענען און לעבן מיטן אייבערשטן האט ער פארלוירן זיין געלט, האט דער הייליגער מגיד מסביר געווען אז עס שטייט אז אויב איינער וויל האבן געלט זאל ער זיך בייגן ביים דאווענען אביסל צו צפון, און אויב איינער וויל
<<<<



זיין קלוג ער וויל האבן חכמת התורה זאל ער זיך בייגן אביסל צו דרום, און ווי א מענטש וויל זיין, העלפט מען אים אנקומען צו דעם, אבער א מענטש קען נאר זיין ביי איין זייט, אדער איז ער ביי דרום אדער איז ער ביי צפון. וועגן דעם ווען דער עושר איז געקומען צום מגיד און ער האט אנגעפאנגען לערנען און דאווענען, האט ער פארלוירן זיין געלט ווייל מען קען נישט האבן ביידע צוזאמען. אבער אז מען וויל גארנישט, מען איז זיך מבטל צום אייבערשטן קען מען זיין העכער פון פלאץ, מען קען האבן ביידע צוזאמען, מען קען זיין ביי דרום און ביי צפון אויף איינמאל. אזוי ווי מען זעט אז משה רבינו האט געברענגט די תורה און ער איז געווען זייער רייך, און רבינו הקדוש וואס האט געמאכט די משניות, און רב אשי וואס האט געמאכט די גמרא, זיי זענען געווען פון די גרעסטע עשירים אין זייער צייט, ווייל אז מען איז זיך מבטל צום אייבערשטן קען מען האבן ביידע אויף איינמאל.

און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז מען קען זען מענטשן וואס מאכן חשבונות, איך מאך אזויפיל און אזויפיל געלט, די רענט קאסט אזויפיל, די טעלעפאן קאסט אזויפיל, און ס'שטימט נישט... און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך שעם זיך צו פארציילן אבער איך פלעג אויך אזוי זיין פאר איך בין מקורב געווארן, איך פלעג מאכן חשבונות, ס'שטימט יא, ס'שטימט נישט, אבער ווען איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש האב איך געזען אז א מענטש געבט זיך איבער צום אייבערשטן און מען מאכט נישט קיין חשבונות, דעמאלטס העלפט דער אייבערשטער און ס'קומט אריין א ברכה".

דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן איינע פון די קינדער זאלן ברענגען א בוך מיט בילדער פון איינע פון די מעשיות פון דער רבי'. ער האט געברענגט די בוך פון די מעשה פונעם חיגר - דער הינקעדיגער. דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער און זיי פארציילט די מעשה מיט די בילדער פון די בוך, און דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעלאזט צו זיי און זיי פארציילט די מעשה אז זיי זאלן עס פארשטיין.

אינמיטן האט איינער פון די

> **איך פלעג אויך אזוי זיין פאר איך בין מקורב געווארן, איך פלעג מאכן חשבונות, ס'שטימט יא, ס'שטימט נישט, אבער ווען איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש האב איך געזען אז א מענטש געבט זיך איבער צום אייבערשטן און מען מאכט נישט קיין חשבונות, דעמאלטס העלפט דער אייבערשטער און ס'קומט אריין א ברכה.**

עלטערע קינדער געפרעגט: "ס'איז א אמת'ע מעשה?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אוודאי איז עס א אמת'ע מעשה, די אלע מעשיות וואס מיר הערן פון פרעזידענט ביידן און פון די מלחמה אין אוקריינע און אזוי אלע אנדערע נייעס, דאס זענען משלים אויף די מעשיות פון רבי'ן, די מעשיות פון רבי'ן זענען אמת'ע מעשיות פון אויבן".

שפעטער איז מען אנגעקומען צו די חלק פון די מעשה וואס דער רבי פארציילט אז ס'איז דא א פלאץ וואס פון דארט גייט ארויס אסאך וועגן, איין וועג פאר די צדיקים, א וועג פאר די רשעים, א וועג פאר משוגעים, און אזוי ווייטער, און וואו א מענטש וויל גיין שפרייט מען אים אויס די שטויב פון יענע וועג.

האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז די מפיצים זיי שפרייטן אויס די שטויב פון צדיקים, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווער האט מיך געשטופט צום רבי'ן? איך האב אזוי געוואלט זיין אן ערליכער איד, איך האב אזוי געבעטן פאר דעם, ביז איך האב געטראפן די שטויב פון צדיקים און איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געבעטן איינע פון די קינדער זאל ברענגען מים אחרונים און מען האט געבענטשט. דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגערופן: "גוט שבת! גוט שבת!"

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, פון וואס איך האב זיך געלערנט אזויפיל שיינע זאכן, און די עיקר נעם איך ארויס פון די סעודה די פריילעכקייט וואס איז דארט געווען, ווי דער ראש ישיבה האט א גאנצן צייט געזוכט ווי מען קען פרייליך מאכן די קינדער און די געשמאקע לופט וואס איז דארט געווען א גאנצן צייט.

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



שיעור פון מוהרא"ש ז"ע אין ישיבה - חול המועד פסח תשע"א

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# דעם רבינ'ס מעדעצין 2

## חכמת נשים

ל. שיינער









מיר האבן פאריגע וואך געענדיגט מיט די רייכע שבע וואס האט מיט די גאנצע כח געוואלט געהערן צו די 'שבט הנארמאל', ווען זי פרובירט צו האלטן אלעס אונטער קאנטראל ביי זיך אינדערהיים בשעת'ן זיין אין קימפעטארן היים, און צום סוף ענדיגט זיך עס נעבעך אינגאנצן אנדערש ווי 'נארמאל' מיט גרויס ווייטאג און בושה.

בעט איך צום אייבערשטן "העלף מ'זאל קענען אויסטיילן אביסל פון רבינ'ס שכל וועט זיי אלע ווערן אביסל מער ליכטיג, און די יום טוב זאלן מיר זען מיט איר אמת'ע ליבליכע פנים, און ווילאנג עס גייט ארייננגיין די עצות פון הייליגן רבי'ן אין די וועלט, זאל איך כאטש וויסן די גוטע וועג, יעצט זאל איך קענען אויסרוימען די חמץ אויפן ריכטיגן וועג, און אויך אויסרוימען די ביסל איבערגעבליבענע געוואוינהייטן אז פסח גייט האנט ביי האנט מיט א 'פערפעקט הויז'. "אייבערשטער וואו הייבט מען אן?"

- א גוטע שוועסטער גיבט מיר א מתנה א קליינע קונטרס, צאמגענומען פון א מורה הוראה די פונקטליכע הלכות פון יעדע חלק אין די הויז ווי אזוי מ'דארף רייניגן לויט די הלכה, און וואס עס זענען גוטע חומרות צו טון, און וועלכע חומרות א קימפעטארן דארף נישט מקפיד זיין. נאכדעם איז דא א קאטאגאריע פון ארבעט וואס האט נישט קיין שייכות צו פסח.

ברוך השם ס'איז געווען מיין גוטע שליח, און איך בין גרייט אנצוהייבן די ארבעט.

איך נעם די רייב בארשט אין די האנט... איך רייב גוט... איך רייב מיט זייף, און מיט bubbles צו אויסרייניגן מיין מח פון יעדע ברעקל אייגענע שכל, כדי ארייננצולאזן דעם צדיק'ס שכל!

מיט ווייניג כח אבער א הארץ איבערגעוועלטיגט מיט שמחה און רואיגקייט, רוים איך אויס די חמץ, ארייננבליקנדיג אינעם קונטרס פון צייט צו צייט זיך צו דערמאנען וואס וויל דער אייבערשטער ביים וואשן די קאוטש, בענקל און טיש.

אז איך האב שוין מיט כח אויסגעלאזט די לייצעס האב איך געשפירט ווי דער אייבערשטער נעמט אינגאנצן איבער די לייצעס. דא שיקן מיינע עלטערן אלע פסח עסן, און דא בעט זיך מיין שוועסטער צו האלטן מיין אהאלב יעריגער פאר אביסל לענגער, און נאך אסאך שיינע זאכן ברוך השם.

בלייבט יעצט איבער איין גרויסע פראבלעם!

ס'קומט מוצאי פסח נאכן אוועקפאקן אלע פסח כלים, מ'עפענט די חמץ'דיגע קעבינעטס, מ'טרעפט א קאטאסטראפע! די אלע עסצייג, כלים, און קאך מאשינען, שטייען בכלל נישט ווי די גלאנציגע גראדע שטיוול פון באדינערס...

אבער דווקא פון דעם לאך איר גאר שטארק, ווייל עס איז א באווייז אויף א פולקאמע נצחון!

יעצט אז איך האב איבערגעשפרונגען און געווען א געוואונער, קען איך אביסל צוריקקוקן, זע איך אז דער אייבערשטער האט גאנצע בערג מיט גוטע עצות ווי אזוי מיין הויז זאל ווערן גענצליך איבערגעגאנגען און סארטירט לויט מיין געשמאק.

איין מאל איז עס געווען אז איך האב זיך אריבערגעצויגן א דירה און אלעס האט סיווי באקומען א מסודר'דיגע פנים. א אנדערע יאר האט דער אייבערשטער מיר געשאנקן א הילפערקע וואס האט מיר יעדע וואך געהאלפן ארגענאזירן א צווייטע פלאץ פון די הויז, ביז יעדע ווינקל פון די הויז האט באקומען א תיקון. און אזוי יעדעס יאר.

אויך דאס יאר האט עס געארבעט מיט א ליסטע, עס הייבט זיך אן מיט "אייבערשטער העלף איך זאל קענען מסדר זיין", און ווייטער שטייט "שכח אייבערשטער" נאך יעדע זאך וואס איז שוין ערלעדיגט. אבער עס ארבעט נאר מיט הכנעה צום אייבערשטן, ארופבייגן די קאפ. מ'דארף נאר בעטן דעם אייבערשטן אן עצה "אייבערשטער, איז היינט גוט צו מאכן די לינען קלאזעט? אדער אפשר די וועש מסדר זיין"? און פלאי פלאים, דער אייבערשטער טוט אויסשטעלן די שענסטע און בעסטע!

Just Relax

בעזרת השם יתברך

מפעל החסד

# 'יעזורו'

שע"י מוסדות **היכל הקודש ברסלב** בארץ ישראל
בנשיאות **הראש ישיבה** שליט"א

מפעל החסד יעזורו שע"י מוסדות היכל הקודש בארץ ישראל איש את רעהו יעזורו בנשיאות מורינו ראש הישיבה שליט"א

**געלויבט דעם אייבערשטן, אז מיר זענען זוכה אין לעצטע פאר יאר צוזעענדיג דעם הִרְחִיב ה' לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ, 'קהילת היכל הקודש אין ארץ ישראל' איז זיך זייער צוואוואקסן, מיט זייער אסאך משפחות וואס לעבן מיט, און געבן איבער פאר אנדערע, די זיסע ליכטיגע עצות, שכל און לימודים פון היילגן רבי'ן אויף די וועג פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו לויט ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז.**

**ס'איז נישט קיין סוד אז אין ארץ ישראל איז שווערער מיט פרנסה ווי אין חוץ לארץ. און לעת עתה זענען דא א גרויסע צאל משפחות, אונזערע טייערע ברידער אנשי שלומינו, וואס אויב מיר וועלן זיי נישט געבן אויף יום טוב א שיינע סכום,**

# וועלן זיי נישט קענען ארייינברענגען דעם יום טוב אין שטוב!

**על פי די הוראה פונעם ראש ישיבה שליט"א האבן די הנהלת המוסדות אין ארץ ישראל געגרינדעט א מפעל החסד "יעזורו" וואס וועט אי"ה צאמשטעלן שיינע סכומים צו טיילן פאר די משפחות וואס נוטיגן זיך אין הילף.**

**אשר על כן ווענדן מיר זיך צו אלע אנשי שלומינו איבער דער גארער וועלט, אז יעדער איינער זאל זיך אנשטרענגען און געבן שיינע נדבות כדי מען זאל קענען טיילן שיינע סכומים פאר די משפחות אויף יום טוב.**

**אין דעם זכות זאלט איר נישט דארפן אנקומען צו הילף פון אנדערע און זוכה זיין לאכול מן הזבחים ומן הפסחים געזונטערהייט און פרייליכערהייט.**



# ניין! מיר וועלן זיי נישט פארלאזן!!

קויפט זיך איין זכותים

| | |
|---|---|
| א משפחה מיט חתונה געהאטע קינדער<br>3,000 ש"ח<br>$ 1,000 | א משפחה פון העכער 5 קינדער<br>2,000 ש"ח<br>$ 600 |
| א משפחה פון העכער 3 קינדער<br>1,000 ש"ח<br>$ 300 | א משפחה ביז 3 קינדער<br>500 ש"ח<br>$ 150 |

די גאנצע געלט וואס איר גיבט
100%
גייט צו ארעמע משפחות

**איר קענט איבערגעבן אייער נדבה ביי די גבאי "יעזורו" אין אלע שטעט**

ירושלים - ר' יצחק פאפנהיים | וויליאמסבורג - הרב אלחנן רוטה שליט"א | קרית ברסלב - ר' אברהם הערש וועבערמאן | בית שמש - ר' שלמה מינצבערג | ביתר - ר' יואליש קרויס | טבריה - ר' יוסף סאקס | צפת - ר' נחמן יעקאבאוויטש | ברכפעלד - ר' מנחם יעקאבזאן

**ווי אויך קענט איר מנדב זיין אויף די 'נדרים פלאס' פלאטפארמע**

אונטערן נאמען : מוסדות היכל הקודש - https://nedar.im/lacd

טייערע ווערטער פון דער ראש ישיבה שליט"א
איבער די וויכטיגקייט פון די קופה



ס'איז זייער שווער צו צוזען די צושטאנד פון די ארעמע משפחות צווישן
אנשי שלומינו אין ארץ ישראל

**ס'איז זייער וויכטיג אוועקצושטעלן א קופה**

**וואס מיט דעם וועט מען זיי קענען אריינשיקן שיינע סכומים**
**לכבוד די ימים טובים און צייטן פון שמחות**

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449

**PLUMBING SERVICE**
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more
Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**




בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com




Luxury beautiful 4 bedroom apartment to rent out in Shtatel for passover
Please call
**845-866-6764**

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

חי' שרה יאקאבאוויטש תחי' - קרית ברסלב פּארציילט:









חי' צירל פורסט תחי' - קרית ברסלב פּארציילט:









# קליין און שיין



אליעזר שלמה שניטצלער נ"י - קרית יואל
אהערגעשטעלט א נעגל וואסער שיסל



אליעזר שלמה שטיינבערג נ"י - קרית ברסלב
אהערגעשטעלט א קארב מיט פירות



אליעזר שלמה שטיינבערג נ"י - קרית ברסלב
א שעפעלע פאר די קרבן פסח



נחמן נתן בלום נ"י - קרית ברסלב




אליעזר שלמה שטיינבערג נ"י
און נחמן נתן פאללמאן נ"י



יוסי ציג נ"י - וויליאמסבורג



שיקט אריין א בילד
פון אייער קינד

# טרעף

## די פאלגענדע ווערטער...

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | ט | ח | י | ט | כ | ת | ז | ר | ז | מ | נ | ה | ז |
| ג | ו | ד | ס | א | ט | מ | פ | כ | ב | י | נ | כ | ע |
| נ | ד | ע | ד | פ | י | י | נ | ל | י | ש | י | י | נ |
| א | ע | א | ל | ה | ר | ב | ח | ז | צ | ד | א | מ | ז |
| ה | ר | ז | ז | ט | ק | ע | נ | ס | ט | ד | ט | כ | ס |
| ר | מ | ו | ס | ש | ט | ז | פ | ג | ד | ע | ז | א | צ |
| א | נ | י | י | ל | א | ר | ז | ע | ו | ב | ל | ש | נ |
| פ | ב | ו | ר | ס | נ | ע | מ | ו | ש | ע | מ | י | ה |
| ב | ט | ב | פ | א | י | ז | ס | ט | ס | א | י | ו | ר |
| א | כ | ק | ל | י | ז | ד | ש | ע | כ | ז | ב | ג | ב |
| ל | ל | ר | ט | נ | ר | י | ה | ד | ק | ק | י | ה | ז |
| א | ז | י | ק | ו | נ | ט | י | א | כ | א | ז | י | א |
| ב | ד | פ | י | ק | ר | ו | ד | נ | ו | ט | א | ס | צ |
| א | ט | ל | ק | נ | צ | כ | ת | ר | מ | ס | א | י | ז |
| ס | ש | א | ו | ו | א | ס | ש | ק | ו | צ | ע | ע | מ |
| ת | ב | נ | ל | פ | א | ז | ד | ת | ג | ז | פ | ר | ר |

קענסט רואיג זיין
ס'איז דא א פלאן
א באלאבאס איז פארהאן
וואס די וועלט איז זיין
ביסט נישט אליין
ס'וועט אלעס זיין פיין
דער באשעפער אליין
פירט אזוי שיין

# טרעף

## די וועג פון איין זייט קעסטל צום צווייטן...





לאמיר שפילן

# סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 8 | 9 | 5 | | 3 | 2 | 6 | |
| 7 | | 2 | 6 | | 8 | 9 | | 3 |
| | | | | | | | | |
| 2 | | 7 | | 1 | | 8 | | 5 |
| 6 | 5 | | 8 | | 7 | | 4 | 9 |
| 1 | | 8 | | 5 | | 7 | | 6 |
| | | | | | | | | |
| 3 | | 4 | 1 | | 9 | 5 | | 2 |
| | 7 | 5 | 4 | | 2 | 3 | 1 | |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 4 | | |
| 1 | | | | | 2 |
| | | 1 | | 6 | |
| 5 | | | | 4 | 3 |
| | | | | 5 | |
| | | 3 | | | |

# ספר המדות

פאר קינדער

## אמת - חלק שני

ח. הַשִּׁלְשׁוּל וְהָעֲצִירוּת בָּא עַל יְדֵי שֶׁקֶר.

דִי קְרֶענְק אִין מָאגְן פוּן שִׁלְשׁוּל אוּן עֲצִירוּת, קוּמְט וַוייל מֶען זָאגְט לִיגְנְט.

# חידות

אפטיילונג

דער הייליגער ר' נתן האט געזאגט: אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען

א. דעם פורים אליינס
ב. דעם פסח אליינס
ג. געלט אויף פסח
ד. אוועק די חמץ

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן: "שושן פורים איז אויך פורים!"

געווינער פון פאריגע וואך

**רותי מזרחי תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

### האוסטו דורך געלערנט

# עצתו אמונה

### פרשת כי תשא?...

## פון אויבן אראפ

1. דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און ____ דיר
2. שלום אין ____ וועט ברענגען אלע ישועות און אלע רפואות
3. שמועס אויס דיין הארץ מיטן אייבערשטן אויף דיין ____
4. זיי זיך אינגאנצן ____ צום אייבערשטן
5. אט אט גייט מען שוין צוריק צום ____
7. גארנישט אנדערש מאכט פרייליך, נאר די הייליגע ____
8. דער עיקר איז עס זאל זיין ____ אין שטוב
10. עס איז כדאי אלעס צו טון צו מאכן ____ אין שטוב
12. מיט די ____ פון רבי'ן וועסטו זוכה זיין צו ווערן א גרויסער צדיק
13. ווילאנג מען לעבט, ווי לאנג די נשמה איז אין מיר, קען מען נאך ____
14. זיי ממשיך מיט התבודדות און בעיקר מיט ____
15. ____ וואס קומט פון שמחה איז גאר אנדערש
16. מען דארף ____, און וויפיל מען קומט אן איז גוט
18. דורך שמחה קען מען אנקומען צו די העכסטע ____

## פון רעכטס צו לינקס

3. תהילים באשיצט דעם מענטש פון אלעם ____
4. דער הייליגער רבי האט עצות פאר יעדן איד אין יעדן ____
6. יעדע זאך וואס מען טוט פאר די ישיבה איז א געוואלדיגע ____
8. ____ צום אייבערשטן, דאס איז די וועג ארויס צו קריכן פון בלאטע
9. אין הימל איז זייער חשוב יעדע ____ וואס א איד זאגט פאר'ן אייבערשטן
11. גיי אהיים ____ אין שטוב, דאס איז עבודת השם
14. מאך זיך ____ אין חומש, משניות, גמרא
17. ____ ____ איז זייער א הייליגע זאך און זייער א וויכטיגע זאך
19. קום אין שול מיט ____, די שול איז די שטוב פונעם אייבערשטן
20. די כח פון תורה איז אזוי ____, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס
21. דורך לערנען תורה קען מען ווערן א גרויסע ____
22. דו זאלסט זיך קיינמאל נישט מישן אין ____



# בילדער
## אפטיילונג







פורים אין היכל הקודש ירושלים




פורים אין היכל הקודש בית שמש




מען לערנט פאר דעם דף גמרא אום פורים, אין היכל הקודש בית שמש







פורים אין היכל הקודש קרית יואל




דער ראש ישיבה ביים געבן מחצית השקל - תענית אסתר




דער ראש ישיבה ביים מגילה ליינען פורים ביינאכט אין ישיבה







ביים טיילן געלט







פורים ביים ראש ישיבה אינדערהיים




ביים טאנצן מיטן דיין שליט"א




א גראגער פון האלץ










פורים נאכמיטאג אין ישיבה



קרעדיט: יענקי פיש

מגילה ליינען אין היכל הקודש בארא פארק



קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

ביים זיך גרייטן צו מגילה ליינען אין קרית ברסלב



קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

פורים אין היכל הקודש בני ברק



קרעדיט: שלמה זלמן רייס



קרעדיט: שלמה זלמן רייס

פורים אין היכל הקודש לאנדאן



קרעדיט: נפתלי זאבעל

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר א שיעור אין ליקוטי מוהר"ן - שושן פורים אינדערפרי



קרעדיט: שלמה גוטוויין

שושן פורים סעודה אין ישיבה


קרעדיט: נפתלי זאבעל


קרעדיט: נפתלי זאבעל

פרייליכע טענץ שושן פורים אין ישיבה


קרעדיט: שמעון פארטיגאל

שיעור ליל ששי אין ישיבה, פרשת כי תשא - פרה


קרעדיט: יוסי פרערויא

ביים גליונות טישל נאכן ליל ששי שיעור


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא

דער ראש ישיבה שליט״א איז מנחם אבל זיין קרוב מו״ה אהרן חיים בראדי הי״ו - ה' כי תשא


קרעדיט: אברהם הערש

עסקנים פון סוליוואן קאונטי ביי א זיצונג אין קרית ברסלב, בנוגע די קומענדיגע וואלן - א' ויק״פ


קרעדיט: אליעזר דייטש

הפצה טישל אין היכל הקודש בארא פארק

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# הקריה מודעה

מיר ווילן מודיע זיין פאר די וואס ווילן קויפן א דירה אין שטעטל, זאלן זען אנגרייטן די סכום וואס די הנהלה האט אוועקגעשטעלט, וואס מיט דעם קען מען האבן א זכות צו קויפן א דירה, און עס איבערגעבן פאר מו"ה מרדכי אהרן הייליפרין הי"ו חבר הנהלה.

די פרייז פאר א דירה אין שטעטל איז פופצן טויזענט דאלער. אינעם נייעם געגענט איז דא א הנחה פון פינף טויזענט דאלער פאר

## נאך צוויי וואכן

## ביז דעם קומענדיגן יום טוב פסח.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן

# שותפים

שותפים פראיעקט - החזקת מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל

על טהרת הקודש

בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א

# ואלה יעמדו על הברכה

די וואס האבן גענומען א טייל אין די **שותפים** קאמפיין

## פרשת ויקהל פקודי













## ישיבה קטנה ירושלים

**שותף השבוע**
מוה"ר מאיר דוד
וחנה לאה פארקאש שיחי'

**שותף השבוע**
מוה"ר יקותיאל י-הודה
וחי' גיטל מייזליש שיחי'

**שותף היום**
מוה"ר יואליש
ומרים קרויס שיחי'

## תלמוד תורה ירושלים

**שותף היום**
מוה"ר אביגדור
שלעזינגער וזוגתו שיחי'

## תלמוד תורה טבריה

**שותף היום**
מוה"ר לוי יצחק
ריבר וזוגתו שיחי'

**שותף היום**
מוה"ר אברהם
יודא מאנדל שיחי'

**שותף היום**
מוה"ר מאיר
לייבוש הירש שיחי'

**שותף היום**
מוה"ר יואל
ונעמי מענדלאוויטש שיחי'

## בית פיגא ירושלים

**שותף היום**
מוה"ר יואל
הירש וזוגתו שיחי'

**"איך וואונטש ענק א ברכה אויף ליכטיגע דורות, בזכות וואס איר העלפט דעם רבין אזוי געטריי"**
עצתו אמונה

**צו זיין א שותף אין די הייליגע מוסודות על טהרת הקודש**
**רופט ר' אייזיק אפפעל: 646-302-8957**

sruliheskel@gmail.com

WALK IN OUR SHOES

# Step into *better quality*




Come check out our massive selection of the finest footwear for men and children. Our experienced fitters look forward to greeting you.



We carry a big selection of childrens shoes

## UPPER SHOES

EST 2023

73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747

845.662.8423 יואל וועבערמאן